# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Seyfer zikhroyneṡ

**Psantir, Iacob**
**פסנתר, יעקב**

**Buḳaresht̩, 650 = 1889**

ביאגראפישע ערצהלונג.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12393

Visual Library

# ביאגראפישע ערצעהלונג.

דאס אזיל האט 21 צימּמער. איין צימּמער איז א קאנצלייא איינס איז א שפייזע־מאגאזיין, איינס איז אשפייזע־צימּמער אין 18 צימּמערן זעניין בעוואהנט מיט אלטע לייט, יעצט לעבען אין אזיל 18 מענער אין 16 פרויען, ציזאממען 34. דרייא עסין ניט פין דעם אזיל, איך אין מיין פרויא אין רחל לאה שענפעלד, אזוי בלייבט נאר 31 אין דיא קעכין איז 32. דיא מענשען עסין פין דעם אזיל. דיא קיכע מאכט ניט איין גרויסע הוצאה, פלייש גיהט איין אלטער מאנן אלע טאג מיט דעם קויש פין איין העקער צים אנדערן אין קאבצינט דאס ציזאממען, מעהל שענקט מען מיט דעם זאק, צום האלץ איז אויך דא איין הילף, מען שענקט צי אפאר קלאפטער, צי דעם בעלייכטונג איז אויך דא איין הילף וואס מען שענקט צי אלע חודש איין עמיר 2 גאז. דיא גאנצע שווערע הוצאה איז נאר דיא דיענערשאפט.

דיא דיענסט נעמט 45 פראנק א חודש מיט איהר עססען, זיא זיצט אפילו ניט אין אזיל, אויף דער נאכט 8 דעם זייגער גיהט זיא אהיים שלאפען. איין אונגעראן נעמט אויך 45 פראנק א חודש מיט זיין עססען. ביז אין דעם זומער האט מען קיין אונגעראן ניט גיהאלטען נאר דיא איינע דיענסט איז גיוועהן אין אזיל, ערשט מיט דיא צייטען האט מען ציגינעמין איין משרת. דיא קעכין נעמט 22 פראנק אחודש, דיא 2 שמשים וואס זייא גיהן איינקאססירען אין דיא סעקרעטעריין וואס זעניין גיוועהן נעמין צי דיא גאנצע סומע וואס דיא „רעוויסטע איזראעליטע„ פאם 31 אקטאבער 89 וו יזט אן. דיעזעלבע רעוויסטע ציינט אן אז ער נעמט קיין געהאלט. פאר וואס ציינען ניט אן דיא ראפארטען אז מיכאלאוויטש'ס נעפאטים האבען גינעמין 40 פראנק אחודש אזוי פיעל אהרען. דער געניזעל איז ערשט ציגעקימען אין דעם יאהר. ברידערליך גאט זאל זיך מרחם זיין איבער אייער צדקה־פישקע וואס דיא געלדער פאללען אין איהר אריין.

1) אסתר שווארץ, 70 יאהר אלט, זיא האט איין זוהן, 6 אייניקלעך, 2 אוראייניקלעך מעהר קיין משפחה. דיא אסתר איז איינע פין דיא ערשטע ווייבער וואס מען האט אויפגינעמין אין אזיל אים יאהרע 81. זיא האט דער אמת'ר גורל אייפגינעמין. נאך דיא

שטאטוטען האט באדארפט איעדער מענש מיט גורל אויפגינעמין צי ווערין. מען האט אבער דעם גורל אויף איין זייט געלעגט אין מען האט אויפגינעמין אהנע גורל. דיא אסתר נאך מיט איין אלטער פרויא זענין געבליבען ניט אויפגינעמין אינ נאר איין פלאץ איז געבליבען וואקאנט פאר איין פרוי, האט מען געמאכט א גורל, איז דער גורל אויף איהר געפאללען, אינ ווייטער איז קיין איינציגער מענש ניט אויפגינעמין געווארין מיט גורל.

2) יוטע ליבערמאנן, 60 יאהר אלט, 3 זיהן, 6 איינקליך, 2 איראיינקלעך אינ א קליינע משפחה. דיא יוטע איז אויך איינע פין דיא ערשטע פרויען וואס מען האט אויפגינעמין אים יאהרע 1881.

3) רבקה דיא עגונה, 60 יאהר אלט, 1 זיהן א בחור, זיא איז עלענה, קיין שום פריינד. זיא האט מען ארייין גינעמין אין אזיל זיא זאל זיין קעבין, אזוי האט זיא גיקאכט 2 יאהר אינ וויל זיא איז איין קרענקליכע האט מען צי גינעמין איין קעכין אינ זיא האט צי גיהאלפען אינ דורך דיא רכילות פין יענקיל פלאמער האט מען זיא ארויסגעווארפען פין דעם אזיל. איין האלבע שטאדט איז דער פאר ברוגז גיוועז אינ אלע צייטונגען האבען געשילדערט דאריבער ביז דיא מאדאמע אקסענבערג האט פאר איהר גיבעטין אינ האט זיך גילאזט קאסטען געלד האט מען זיא צירוק ארייין גינעמין.

4) האריל פריעדמאנן, 70 יאהר אלט, 3 זיהן, 1 טאכטער. 8 איינקליך, 1 איראיינקעל.

5) רחל ברענער, אלט 62 יאהר, 1 טאכטער, 3 איינקלעך.

6) רחל לאה סאלאמאן, אלט 61 יאהר, משפחה שענפעלד, 3 זיהן, 3 איינקליך.

7) אסתר לאקס. אלט 78 יאהר, 1 טאכטער. 2 איינקלעך 4 אידאיינקלעך, 1 איר־איראיינקעל פין דעם 4טען דור. גאר קיין משפחה.

8) רחל נארלער, אלט 64 יאהר, 2 זיהן, 2 טעכטער, 24 איינקליך, 3 איראיינקלעך.

9) פיגע קריינע דיא נאלינגערין, אלט 76 יאהר, 2 זיהן, 1 טאכטער, 16 איינקלעך, 5 איראיינקלעך, 1 איר־איראיינקעל פין דעם פערדין דור.

10) רחל לאה עלקים, אלט 72 יאהר, 1 טאכטער 3 איינקליך.

11) שרה מייא, אלט 58 יאהר, דיא האט קיין קינדער קיין משפחה זיא האלט זיך אין לאדען מיט איין קריסט וועגע צווייא טויזענד פראנק האט זיא דאס געלד פערשפראכען דעם קאמיטע צו געבען אין דער פאר זאל מען זיא אריין נעמין. דעם ס נט געארגע 1888 האט מען זיא אריין גינעמין אין דאס געלד וועט מען נעהמען ווען יענער וועט געבען.

12) רייזיל הארנשטיין, אלט 75 יאהר, 1 זיהן אין פאקשאן אין ניט קיין ארמער, 2 טעכטער, 4 איינינקלעך. 2 איראייניקלעך. דיא פאמיליע הארנשטיין איז דא אין פאקשאן, באקוי אין באטאשאן. זיא איז אויפגינעמין גיווארין סאנט געארגע 1888 אין ערשט גיקימען אין אזיל אריין 15 יוני, ווייל דיא קינדער האבען זיך גערשעהמט אז זיא זאל זיצען אין אזיל. זיא איז איינע קראנקע פרויא איין באנעמענע אין דארף איין דיענסט האבען נעבען זיך. זיא איז שמואל גענזעלס א שטיפמאמע, זיא האט גיהאלטען זיין טאטען דעם באלעבעווער פאר איין מאן, זיא דארף אליין האבען א דיענסט, נאר דיא דיענסט וואס זיא באדיענט דאס גאנצע הויז באדיענט זיא אויך.

13) חנה שאין פישלס, 56 יאהר אלט, זיא איז אויפגינעמין גיווארין אין אזיל 12 יוני 1889, זיא האט גיגעבין 500 פראנק אין האט זיך אסיגורירט אויף לעבענסלענגליך אין אזיל צו זיצען. פאר געלד האט מען זיא אריין גינעמין אויך אין מיטען זימער, מען האט ניט גיווארט אויף משך דירות. יעצט ווינט זיא נאך דעם געלד אין זיכט איין צייט אז זיא זאל ארוים פון דעם הייליגען אזיל,

1) הזקן ר׳ לוי פאסימאניק א גיוועזענער שמיקלער, איין מאן פון 75 יאהר, דער איז נאך בא דיא גאנצע קרעפטין ער איז איין פאמיליען־פאטער פון 3 טעכטער, 8 איינינקלעך, איין איראייניקעל.

2) הזקן ר׳ דוד חשמל (עקיבא חשמל׳ס פאטער) איין מאן פון 78 יאהר, איין פאמיליען־פאטער פון איין טאכטער 10 איינקליך, 5 פון עקיבא חשמל אין 5 פון זיין טאכטער אין 2 איראייניקלעך. דיזר דוד חשמל איז איין הארעפאשנע מענש פון דער נידריגסטער קלאססע, ער איז נאך היינט ביי דיא קרעפטין מעהר וויא איין אנדערער אלטער מאנן. ער טראגט נאך היינט דעם

גרויסען קויש מיט פלייט אינ מיט ביינער פיר דעם אזיל. ער געהט פין איין העקער צים אנדערן אינ נעמט מן הבא בידו.

3) הזקן אייזיק ויסא, איין גיוועזענער מלמד, איז מאן פין 75 יאהר. יעצט איז ער איין אלטער מאנן אינ שויאך אויף דיא אויגען, הולך ערירי, איין גאנץ עלענדער מענש אהן קינדער אהן פריינדע.

4) הזקן מאיר שבתי, איין מאנן פין 87 יאהר. איין גיוועזענער שניידער, איין פאמיליען־פאטער פין 4 טעכטער, 15 אייניקלעך, ער איז נאך ביי דיא שעהנע קרעפטען

5) הזקן ר' אברהם יצחק גרינבערג סנדלר, איין מאנן פין 75 יאהר, איין שענער בעל משפחה, 2 זיהן, 2 טעכטער, 16 אייניקליך.

6) הזקן ר' מרדכי אסתרים, איין גיוועזענער סטאלער, איין אלטער מאנן פין 86 יאהר, קיין שום קינד, הולך ערירי, ר' מרדכי איז איין קראנקער מענש, איעדעס מאהל פאלט ער צי בעט אינ עס פאקט איהם א קארטש אין דיא הענד אינ פיס. דיא השתנה קאן ער ניט לאזען נאר טראפען ווייז, וויל ער האט אשטיין שוין פין אפאר יאהרען.

7) הזקן ר' הירש מענאקע (איין דארף וויא ער איז גיזעסין), איין מאנן פין 75 יאהר, אין זיין יוגענד איז ער גיוועהן איין מאדשיער אינ איין ווייצען־הענדלער, אויף זיין עלטער איז ער געבליבען ארים אינ קראנק. קיין שום פריינד נאר איין טאכטער נאך א בתולה.

8) איציק מאיר בערגער, איין אלטער מאנן פין 81 יאהר, הולך ערירי, ער האט קיינע קינדער נאר איינע שעהנע משפחה, פיינע לייטישע מענשען. אין דער יוגענד האט ער זיך גינערט פין סוחרייא אינ דער נאך איז ער גיוועהן אסאך יאהרען חזן אין גאסטערם שיהל. יעצט אויף דער עלטער זיצט ער אין אזיל. ער איז איין שוואכער אלטער מאנן, ער געהט קוים ארום אויף דיא פיס, ער איז איין יוד מיט תורה. ער זיצט אינ לערנט אינ דיא פריינד פערזארגען איהם מיט בייצערונג. ער האט ביז צוועלף פראנק א חודש, ער שמעקט אינ רייבערט אינ טרינקט י״ש, אין באר אריין געהט ער ניט פארצעהרין עטליבע פראנק. ער האט ליעב א ווערטעלע צי זאגען אין קאטוועס (שפאס) צי טרייבען וויא עס פאסט זיך.

9) שלמה ראפאפארט, איין מאנן פין 65 יאהר 2 טעכטער 1 זיהן, 21 אייניקלעך. א שעהנע משפחה. דער האט זיך גירעכינט אונטער דיא כלי קודש, איין אונטער־חזן, באהאנדעלט חתונ׳ת. ברית מילות. בא דיא טויטע משניות. מלא׳ס אים יאהרע 1882 האט מען איהם אריין גינעמין אין אזיל.

10) יעקב העפלער, איין מאנן פין 66 יאהר. 3 זיהן, 3 טעכ־טער, 11 אייניקליך, 5 איראייניקלעך. אינ אשטיקעל בעל משפחה אפילו א שעהנע דא אין בוקארעשט, ער איז גיוועהן איין הויזירער, ער איז ניט געזינד אויף דיא פיס. איהם האט מען אריין גינעמען אין אזיל אים יאהרע 1882.

11) בערל כהן איין מאנן פין 69 יאהר. דער בערל כהן אין איין עלענדער מענש אהנע קינדער, אהנע משפחה, עלענד וויא א שטיין, ער איז געבליבען א בחור ביז אין זיין עלטער אריין. אין אין אזיל איז ער בלינד גיווארין אויףביידע אויגען. ער איז גיוועהן אין איין פעראיין כבוד התורה, דיא חברה איז צי שלאגען גיווארין

דער חזן ר׳ בערל מיט זיין פרויא ע״ה זענין אויפגינעמין גיווארין אין אזיל וועגען א פאליטישען ציעל, איך וויל עס אייך מיינע ליעבע לעזער ערקלערען. דעם ר׳ בערלס פרויא איז גיוועהן א נאהנטע פריינד מיט דיא יורשי צענטלער אין דארום האט דאס קאמיטע געמיזט לאזען איהם זיין חזן אין דער שיהל וואס זייא האבען גיבויעט. זאנסט האבען זייא געדראהט אז זייא וועלין אויפהערען צי געבען דיא 300 פראנק. וואס לויט טעסטאמענט פין דער גאטזעליגער מאדאם צענטלער איז בעשטיממט יעדעס יאהר צי איהר יאהרצייט דעם אזיל צי געבען דיא יורשי צענט־לער האבען זיך נאך מעהרערע מאל גיפרייוט אין האבען ביים קאמיטע פערלאנגט מ׳ין זאל דעם חזן אבגעבין א צימער אין אזיל צום וואונען אליך פאר דעם זכות וואס זייא האבין דיא שיהל גיבויעט וועגען אזיל. דאס האבין זיי אבער בשום אופן ניט גיקאנט אויספיהרען, ווייל דאס קא־מיטע האט דאס ניט גיוואלט צינעבין. נאר אבער דאס פאריגע יאהר ווען מיכאלאוויטש מיט דעם דר. בלומענפעלד האבין מיר נאך אלע פערזעקוציאנען וואס איך האב פין זיי אין דער גאנצער צייט געליטען נאך דעם לעצטען טאדעסשאס גיוואלט געבין. בעטליך מיך פין דער שיל אלס שמש אויסציישטויסען, נא״ זייא האבען אבער איינגיזעהען אז דער גבאי ר׳ אשר קעניג האלט מיט מיר אין ער איז דאך איין אנקעל דיא צענטלערס, וועט ער מיט זייא ארבייטען אז מען זאלל מיר ניט אבזאגען פין שמש צי זיין אין זייער שיהל, זענין מיינע פאר גיטע פריינד דער דר. בלומענפעלד מיט מיכאלאוויטש ניפאלין אויף דעם פאליטישען פארטעל אין האבין פערשפראכען דעם חזן אין אזיל אריין צינעמין אין דער פאר זאל דער גבאי מיט דיא צענטלערס זיך נישט מישען ווען מען וועט מיך פין דער שיהל אלס שמש ארויסווארפען. אבגעמאכט אין אבגעטיהן. מיך האט מען פין דער שיהל ארויסגעשטעלט אין בערלין מיט זיין ווייב האט מען אין אזיל אריינגינעמין. קורץ ביז אין אפאר וואכען איז ר׳ בערילס ווייב גישטארבען אין דער חזן איז געבליבען אין אזיל א זקן פין 56 יאהר, נאר עססען האט ער ניט גיוואלט פין דער קעך פין דעם אזיל, ווייל נאך זיין מיינונג איז דאס עססען אין אזיל טריפה אין, ער אלס ערליכער יוד אין חזן האט דאס ניט גיוואלט עסען אין אזוי איז ער אין אזיל גיזעסען ביז אין חדש חשון תר״ן אין ער האט זיך גענעך זיין ביססעל געלד וואס ער האט גיהאט אין קאסע דע דעפונערע ערך 2000 פראנקס ארויסגינעמין אין איז אוועק גיפאהרען קיין מאלדאווע דארט התונה האבין אין אזוי איז געבליבען וועניגער איין זק אין אזיל. (דער בעריל חזן איז גיזעסין מיט לוי פאסימאניק ציזאמין אין ער קער זיך גאר ניט אן מיט דעם בער ילכהן וואס מיר האבין אויבען געשריבען.)

אינ עס זענין געבליבען נאר 6 מענשען זייא האבען גיהאט איין ספר תורה מיט איין ביסעל זילבער, האבען זייא דאס געשענקט אין אזיל אריין מיט דער קאנדיציע, אז מען זאל דעם בערל כהן אריינגעהמען אין אזיל אינ מיט דעם באדינג האט מען איהם אריין גינעמין. ער איז דעמאלס גיוועהן זעהינדיג אויף ביידע אויגען,

12) מיכל גאזניק, איין מאנן פין 60 יאהר, איין קליינער פאמיליען־פאטער פין איין טאכטער, איין אייניקעל, ער פלעג זיך גינערען מיט גאז ארים טראגען. ער איז א פראסטער מענש אינ פאסט מאנטאג אין דאנערשטאג. ווען מען האט איהם אריינגינעמין האט ער קיין פלייש גינעסין, ער האט גיזאגט עס איז טריפה, האט ער נאר גיגעסען פאסאלים, ער האט דאס ניט גיקענט אויספיהרען. עסט ער שוין פלייש נאר פאסטען האלט ער אלין מאנטאג אינ דאנערשטאג.

13) ר' הערציל וועקסלער, איין מאנן פין 58 יאהר, א קליינע פאמיליע, 2 טעכטער, 1 זיהן, 2 אייניקלעך. דער הערציל איז גיוועהן איין הויזירער ער פלעג ארים געהן מיט סחורה אז עס איז פאר באטען גיווארען דער אמבולאנט־מסחר האט ער גיגעבין 150 פראנק ער זאל ווערין א מעמברע דע וועטש אינ מען זאל איהם אריינגעהמען אין אזיל עד היום הזה. ער איז נאך איין קרעפטיגער מאנן פיר דער היינטיגער וועלט.

14) שלמה בויכנער הכהן, אדער שלמה בעלפער (שתפו של יענקיל פלאמער,) איין מאנן פין 62 יאהר, (ווער עס קימט אריין אין אזיל ווערד מיט 10 יאהר עלטער, פין 60 ווערד 70) ער האט איין טאכטער, אין זיינע יונגע יאהר איז ער גיוועהן א מלמד, שפעטער האט ער זיך גינעהרט מיט א קליינעם האנדעל, ער איז ארים גיגאנגין אויף דער האנד מיט איין פעליכע, יעצט אויף דער עלטער (ער איז נאך אפילו בייא דיא קרעפטען) האט מען איהם אריינגענעמין אין אזיל סאנט דומיטרע 1888. סוף יענער 89 איז ארויס דער יונגער מאנן מאיר וויינבערג פין גריזשיטאר פין דעם אזיל, האט מען שלמה בויכנער אבגיגעבען דיא דיענסט פראוויזאריש אויף דעם מעגען דיא אלטע לייט אויך זאגען קינות אזוי וויא אויף יענקיל פלאמער.

15) יעקיל פלאמער, א מאנן פין 62 יאהר, גיבוירען אין טיס־

מעניץ (גאליציע) זיין מאמע האט גיהייסען מאליע בת ר׳ ישראל וויטים הסנדלר, זיין פאטער האט גיהייסין שמשון הירש בן ברוך בעקער, פלאמער הולך ערירי, ער האט קיינע קינדער, אווייב האט ער נאך היינט אויך, נאר ער איז מיט איהר גיגעט פין דעם עס־טערדייכי׳שען קאנסול אבער ניט פין דעם רב, דורך איין קריעג וואס ער האט מיט איהר געפיהרט איין צייט לאנג. זיא האט מיט איהם ניט גיוואלט קיין שטיב האלטען, דורך זיין גיט הערץ אינ געטין האט ער זיא ניט גיוואלט, איז זיא פין איהם אוועקגיגאנגען אינ זיצט גאר אליין ביז אין היינטיגען טאג. וואס האט ער גיטאהן, פלאמער, ער האט זיך געקויפט א שטיקעל ערד אויף דעם בית החיים אינ א מצבה אינ האט אויף דעם שטיין אויסגע׳שלאגען א גאנצע קלאגע אויף דעם ווייב צים בית דין של מעלה. דער ניסוך פין דער קלאגע פאנגט אזוי אן: „איך האב א ווייב הייסט זיא ברכה קעסטענבוים, זיא איז א טארניפאלערין אינ איז א קרעמערין, זיא האט מיך באגאנב׳ט אינ בארויבט אינ זיא האט מיך קראנק געמאכט, איך ווער זיא לאדען צים בית דין של מעלה, אינ דאס בית דין זאל משפטין עטצ.“ נאך מעהרערע שיקאנירטע רייד וואס אויף דעם שטיין איז גיוועהן אויסגעשלאגען, פיערצעהן שורות האט דאס פארנעמין.

וויא דאס ווייב איז דאס גיוואהר גיווארין, האט זיא געמאכט איין ביטטע צים עסטערדייכישען קאנסול אין בוקארעשט אינ דער האט דיא ביטטע אוועק געשיקט צים גענעראל־קאנסול נאך סטאמ־בול, איז אנגעקימען א באפעהל אז מען זאלל דעם שטיין אבקראַ־צען אינ יעקיל פלאמער זאל איהר באצאהלין אללע הוצאות אינ מען האט זיי איעדען איין בריעף ארויס גיגעבען פין דער קאנצליי אז אייגער מיט דעם אנדערן האבען גאר ניט צו טאהן, זאלין זיך זיצען באזינדער, אינ אזוי איז דער גט באשטעטיגט גיווארען ביז אין היינטיגען טאג.

דער פלאמער איז א מוכר ספרים נאך היינט אויך. ער פלעג זיצין בא מיכאלאוויטשס טהיר פין דער קלעט מיט ספרים, ציצית אינ מזוזות, מעג ער טיהן אינ אזיל וואס ער ווילל, אזוי וויא מיר וועלין ווייטער שרייבען.

אים יאהרע 84 האט מען איהם אויפגינעמין אין אזיל וויל

ער האט גישענקט א ספר תורה אינ שיהל אריין. אים יאהר 1885 אן מען האט אבגיזאגט דעם אלטען ר' הירש ביבריג פין עקאנאם אויף דורך זיינע רכילות„ — עס איז גאר ניט דא אזוי פיעל פאפיר אז מען זאלל באשרייבין דיא רכילות וואס דער פלאמער האט געטראגען אויף דעם אלטען ביבריג, ביז ער האט איהם ארויס־גינעסען — אינ ער איז גיווארין אויף זיין ארט עקאנאם. האט ער זיך ערשט נוקם גיוועהן אינ דיא אלטע מענשען אזוי וויא א רעכ־טער שפאנישער אינקוויזיטאר, אזוי וויא מיר האבין מעהרערע מאל איבער איהם געשריבען אינ היועץ.

אין דער הא ק־מאגאזיע איז געשטאנין א ביט־ל האט יענקיל פלאמער זיך דארט ניבארען אינ דיא שפחה כנענית האט איהם דארט גיוואשען אינ גיזייפט, ירבעם בן נבט חטא והחטיא את הרבים, חטא הרבים תלוי בו. ער האט נאך גיהייסען דער גויה פיער יודען באדען אינ דער פינסטער־ער קאמער וואס מען טהאר זייא ניט גיטרויען איין שפחה כנענית אינ דאס האט מגלה גיוועהן דער אלטער ר' יצחק מאיר, ער האט דערצעהלט ר' אשר קעניג אינ דער האט גימאכט איין גרויסען לארם אינ איעדער מענש האט דערפין גירעד אינ פאר ר' גדליה ברייער אינ מיכאלאוויטש איז דאס גיוועהן רעכט. אינ ניט נאר פין דעם ביט־ל אליי, אויך פין דעם עססען וואס ער ברענגט מיט זיין עקאנאמיע דאס פלייש ווע־גען דער קיבע. אזוי האבין דיא ליצני הדור דאס אללעס פובלי־צ־רט אין היועץ נומער 944 פין כ"ג אב תרמ"ז.*)

16) הזקן ר' הירש ביבריג מיט זיין פרויא רחל ביבריג,ביידע אלטע לייט פין 74 יאהר, הולך ערירי, זייא האבין קיינע קינדער גיהאט, נאר ער קעהר זיך אהן מיט ר' ישראל שווארץ קינדער נאהנטע פריינד אינ דורך דער קנאה שנאה וואס עס האט זיך גימאכט צווישען מיר אינ צווישען דר. בלומענפעלד אינ ר' וואלף מיכאלאוויטש דורך דער גרינדונג פין דעם פעראיין „בתי מחסה לזקנים" האט מען נעזיכט מיר אבציזאגען פין מיין דיענסט האבין זייא געפינען דעם ביבריג רעקאמאנדירט פין ר' אהרן שווארץ, אזוי

---

*) אויך דער געוויססער פובליטשיסט אין פרימ־סעקרעטער פין דעם היסטארישען פעראין ״וליוס באראש, ר' משה שווארצפלד האט פובליצירט אין זיין אנואר פין 1887 דיא שעהנע אויפ־פיהרונג פין דעם חסיד יעקיל פלאמער אקעגין דיא אלטע לייט פין דעם אזיל.

האבען זייא איהם מיט זיין ווייב אויפגינעמין אלס אזיל־פאטער אויף מיין שטעללע אינ מיר האט מען ארויסגיגעבין איין פאפיער דאס איך בלייב אין אזיל וואהנען מיט מיינע פרויא פיר מיינע רעכטע וואס איך האב מיר פארדיענט מיט מיין מיה אינ ארבייט וואס איך האב געלייסטעט פיר דעם אזיל ביז יעצט.

דער ביבריג איז מעהר ניט גיוועהן ווי'א איין יאהר אינ דורך דיא רכילות וואס יעקיל פלאמער האט אויף איהם אנגעטראגען האט מיכאלאוויטש איהם אבגעזאגט פין דער דיענסט, זיין ווייב איז געבליעבען אין אזיל אינ דער אלטער מאן ביבריג האט גימיזט אויסציהען פין דעם אזיל אינ האט זיך ארים גיבלאנקיט אנדער־האלבען יאהר אהנע זיינע אלטע פרויא. זייער ווערטיל פלעג זיין. מיר זענין 60 יאהר פערהייראטהעט האט אינז גאט ניט גיגעט אינ מיכאלאוויטש האט אונז יאה גיגעט, דיא צוויי אלטע לייט האבין זיך ניט גיקאנט ל יגען שלאפען ביז זייא זענין ניט גטקימען צים טירעל (זיא פין אינווייניג ער פין דרויסען) אינ זיך פרעגען איינס דאס אנדערע אויף זייער גיזינד אינ דער נאך זענין זייא געגאנגען שלאפען. זייא האבען באוויינט דיא שטעשקים פין דעם אזיל. איין מאהל איז ער געקימען קראנק בא נאכט צים טירעל פין דעם אזיל דאס טירעל איז שוין גיוועהן פארשלאססען אינ זיא האט גיוואורט פין אינווייניג אז זיא זאל איהם זעהן, אז זיא האט איהם דערזעהין אזוי קראנק איז זיא ארייגגילאפען צי מיר מיט געוויין איך זאל איהם ארייננעהמען ציא איהר אין שטיב אריין, זיא זאל איהם רעטטען. איך האב דאס באלד געטיהן אינ איך מיט מיין ווייב זענין דיא גאנצע נאכט אויף גיוועהן אינ האבין גיווארימט ציגעל אינ גישמירט מיט עסיג, בוימיל אינ קנאביל אינ אנדערע מיטעל געטאהן אינ מיט גאטטעס הילפע ביז אין דער פריה איז איהם גיט געווארען. האב איך איהם ארויסגילאזט פין דעם טירעל אינ יעקיל פלאמער האט דערפין ניט גיטארט וויססען, מיינע ליעבע לעזער קענין דאס לעזען אין היועץ נומער 1058 פין 14 סעפטעמבער 1888 אינ אזוי מיט דיא ווערטער האב איך דאס פובליצירט:

למען ידעו!

איך אונטערצייכנעטער ערקלעהר מיינע ליעבע ברידער, אז אללעס וואס ר' וואלף מיכאלאוויטש זאגט אז איך בין דער אנ־

שטיפטער פין דער קריעג פין דעם אזיל, זאל מען וויססען אז עס איז נישט אמת ! ער טראכט ;זויף מיר אוים דיא גרעסטע בלבולים, אינ זיכט מיך צו פערליימדען, ער פערזעקוטירט מיך שוין זייט 6 7 יאהר אינ נאר דערפאר ווייל איך האב ענטדעקט דיא גרינדונג דעם פעראיינעס „בתי מחסה לזקנים“ וואס דאס האט איהם ניט גישמעקט. לאז מען זעהין מיינע אלטע געדריקטע דאקומענטע, וועט מען זעהין צי בין איך עפים חייב דער פאר, איך האב בעשריבען דיא גרינדונג דעם פעראיינס, ווייל דאס „בתי מחסה לזקנים איז איינס פין מיינע גוטע טהאטען וואס איך האס געטהין אויף דער וועלט, אין ר׳ מיכאלאוויטש האט דאס גיוואלט בייא מיר אוועק רייבען, וועלכעס איך האב ניט גיוואלט ציראזין. אינ דער פאר איז ער מיר אזא שונא אינ זיכט מיך נאר צי פערסעקוטירען, ער ווילל זיך מיט מיר מאכען דעמזעלבען קאפריץ ווי׳ מיט דעם אלטען ר׳ הירש ביבריג.

אים יאהרע 1884 איז ר׳ הירש ביבריג אריין אין אזיל אלם אינגריזשיטאר אויף מיין ארט, ער האט איין יאהר געדיענט אינ דורך דיא רכילות פין יעקיל פלאמער האט איהם מיכאלאוויטש ארוים גיווארפען פין דעם אזיל, נאר זיין אלטע פרויא איז געבליבען. דער זיבציגיעהריגער אלטער מאנן האט זיך אנדערטהאלב יאהר ארים גיוואלגערט געשיעדען פין זיין אלטער פרויא וואס ער איז מיט איהר גיזעסען זעבציג יאהר. ווער עס האט ניט גיזעהן דיא טרויריגע סצענען וואס עס פלעגט פארגעהן אונטער דיא צוויי אלטע לייט, האט קיין ריהרענדע סצענע אויף זיין לעבען גיזעהן. אויף דער נאכט אז מען האט אבגישלאסען דאס טירעל פין דעם אזיל, פלעגט זיא שטעהן אינוועניג ווארטען ביים טירעל ביז איהר אלטער מאן פלעג אנקיממען פין דער גאס, אום זיא זאלל זעהען צי ער איז געזינד, זיא פלעג זיך נישט געהן לעגען ביז ער איז נישט אנגעקימען פין דרויסען ביים טירעל. אינ דאנן האבין זייא זיך גיזעגינט, אביסעל אבגעזיפצט אינ זיך גיגאנגען ליגען.

ער איז אמאל געקיממען בא נאכט צים טירעל אינ וואר זעהר קראנק, איז זיא צי מיר געקיממען וויינענדיג איך זאל איהם אריין לאזין צי איהר אין שטיב ארײן, כדי זיא זאל איהם רעטטען, איך האב דאמאלם גערינט דעם אזיל אלם פארטער, איך האב דאס

רחמנות נישט גיקענט ציזעהען, בין איך גיגאנגען אין האב איהם תיכף אריינגינעמען צי איהר אין שטיבעל אריין אין איך מיט מיין פרויא זענין מיר גיזעסין דיא גאנצע נאכט אין דעם אלטען מאנן מיט אללערעייא מיטטעל גיראטעוויט ביז ער איז צוריק צים לשון געקוממען, ווארין ער האט שוין גיהאט דאס לשון פארלוירען, אין דער פריה האב איך איהם ארויסגעלאזט אהנע יעקל פלאמער זאל גיוועז וויססען אז ער האט גינעכטיגט אין אזיל. אזוי פלעגין דיא צווייא אלטע לייט באוויינען דיא שטעגען פין דעם אזיל. זייא זענין דאס ערשטע פאר פאלק פיערהייראטעט זייט זעכציג יאהר אין גאטט האט זייא נישט גיגעט איז געקימען ר׳ וואלף מיכאלאוויטש אין האט זייא גיגעט, ערשט יעצט אים יאהרע 1888 אם ספינטע געארגע האט מען זייא ווידער ערלויבט צי זיין אין איינעם.

דאס זעלבע ווילל ר׳ מיכאלאוויטש מיט מיר אויך טיהן. ער וויל מיך געטין פין מיין פרויא וואס גאט האט מיך פין איהר ניט גיגעט, ער ווילל מיך נאר ארויסווארפען פין דעם אזיל, איך האף אבער צי גאטט, אז דיא שטאדט וועט דאס ניט צילאזען, דען איך האב נישט פארדיענט אזוי בעהאנדעלט צי ווערין אויף מיין עלטער.

יעקב פסנתר

איינער פין דיא ערשטע גרינדער פאם בוקארעשטער אזיל.

אין אז ר׳ הירש ביברינג מיט זיין ווייב רחלה האבין גילעזען דעם היועץ האבין זייא אפילו אביסעל הנאה גיהאט ווייל איך האב דאס ענטדעקט אין פובליקום אין זייא האבין מיר אפילו קיין שום פארווירפע געמאכט, ווייל זייא האבען געפינען איעדער ווארט ריכטיג געשריבען, אין היינט זענין מיר טאקע אויך שכנים מיר זיצען אין בתי מחסה לזקנים איין טיהר נעבען דער אנדערער.

17) נח הויזירער מיט זיין ווייב שיינדיל האט מען אויפגינעמין אין אזיל סאנט דימיטרע 89. 2 אלטע לייטע איבער דיא 70 יאהר אלט, זייא האבען קינדער אין קינדס קינדער ביז אין דריטען דור. 4 טעכטער, 2 זיהן, 9 אייניקלעך, איין איראייניקעל.

18) יעקב פסנתר מיט זיין ווייב זלאטע פסנתר. — זלאטע פסנתר איינע פרויא פין 53 יאהר. „אשת חיל מי ימצא ורחוק מפנינים מ רה. בטח בה לב בעלה ושלל לא יחסר. גמלתהו טוב ולא רע כל ימי חייה. דרשה צמר ופשתים ותעש בחפץ כפיה.

היתה כאניות סוחר ממרחק תביא לחמה. ותקם בעוד לילה ותתן טרף לביתה וחוק לנערותיה. זממה שדה ותקחהו מפרי כפיה נטעה כרם. חגרה בעוז מתניה ותאמץ זרועותיה. טעמה כי טוב סחרה לא יכבה בלילה נרה. ידיה שלחה בכישור וכפיה תמכו פלך. כפה פרשה לעני וידיה שלחה לאביון. לא תירא לביתה משלג כי כל ביתה לבוש שנים. מרבדים עשתה לה שש וארגמן לבושה. נודע בשערים בעלה בשבתו עם זקני ארץ. סדין עשתה ותמכור וחגור נתנה לכנעני, עוז והדר לבושה ותשחק ליום אחרון. פיה פתחה בחכמה ותורת חסד על לשונה צופיה הליכות ביתה ולחם עצלות לא תאכל. קמו בניה ויאשרוה בעלה ויהללה. רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כלנה. שקר החן והבל היופי אשה יראת ה׳ היא תתהלל. תנו לה מפרי ידיה ויהללוה בשערים מעשיה.

זיא איז גיבוירין אין בוקארעשט מבית וויס, איהר פאטער אברהם וויס אינ איהר מוטער רחל וויס. איין בוקארעשטער אלטע פאמיליע. ער איז גיוועה איין מעננערשניידער, זייא האבען אויס־גילעבט זייערע יאהרען וויאפיעל אמענש דארף לעבען אינ אין בור־קארעשט גישטארבען בשיבה טובהביידע אלטע לייט איבער דיא זיבציג יאהר אלט אינ האבין איבער גילאזט קינדער אינ קינדס־קינדער ביז אין דריטען דור. אונטער דיא קינדער איז דיא עלטערע טאכטער מיין ווייב זלאטע, זיא האב איך גינעמין אין בוקארעשט אים יאהרע 1863, זיא איז גיוועהן א גרושה גיגעט פין דעם ערשטען מאנן, זיא האט מיט איהם נישט גיקענט וואהנען, ווייל ער האט באקימען איין חסרון וואס זיא האט ניט גיקענט מיט איהם מעהר קיין שטיב האלטען, זיא איז פין איהם געבליבען מיט צוויי קינדער א מיידעל פין פיער יאהר אינ א יונגעל פין צווייא יאהר. איך בין אויך גיוועהן איין אלמן איך האב גינעט צווייא ווייבער. ווייל זייא זענין ניט גיגאנגען אין עהרליכען וועג, זייא האבען זיך אנגיקעהרט מיט רחב הזונה. אויף אזעלכע פרויען האט דער חכם בן סירא זיך אזוי אויסגעשפראכען מיט דעם לשון: אשה זונה במרזבת עיניה ובעפעפיה תתידע כעיף בציה צחה צמא כל מים ישתה ובכל עץ ישען, כן דרך אשה זונה, כל עובר תתאו ואל כל חץ אשפתה פתוח. כפטר מים הולכים ינטש כן אשה רעה תרבה רעתה. אם איננה כלבך כרות חצי נויתך ותן לה ומעל פניך תשלחנה (בן סירא כ״ה כ״ו)

אין דיא לעצטע טייערע ווערטער פין בן סירא האב איך מקיים געוועהן אין האב ניט געוואלט מיט אזעלכע ווייבער מיין וועלט אבפיהרען ווייל איך האב דאס ניט געזעהן בייא מיינע עלטערן. דיא ערשטע פרויא מיינע האב איך גינעט אים יאהרע 1858 אין דעם שטעטיל פיטעשט. דארט אין דעם שטעטיל איז נאך ביז דאמאלס קיין גט ניט געוועה; פין זייט דאס שטעטיל איז גיבויעט געווארין אין קיין רב איז אויך קיין מאהל ניט געוועהין, נאר אין יענער צייט איז דורכגעפאהרען קיין קראיאווא דער בראילאווער רב ר׳ אפרים זלמן מרגליות האט ער אין איין טאג 2 גיטין גימאכט, איך האב גינעט מיין ווייב אין יוכבד האט גיגעט איהר מאן מיכל פאקטער, ווייל זיא האט מיט איהם אויך ניט געוואלט זיצען דורך זיינע שלעכטע אויפפיהרונגען, זיא האט דורך איהם קיין דיענסט ניט גיקענט האלטען אין שטיב אין זענין דייקא געוועהן 2 אלטע לייט, נאר זיא איז געוועהן שטארק רעליגיעזיש אין ווער איז געוועזן דער סופר פין דיא גיטין שרייבען, ר׳ גדליה ברייער, ער איז דא־מאלס געוועהן אין קלייד בייא זיין שוואגער ר׳ ליב בלאנק. דיא צווייא גיטין קענין גירעכינט ווערין אין דיא דאקומענטע ציא דער יודישער געשיכטע אין רומעניען פין דעמאלס אהן איז שוין 80 יאהר פאראיבער אין מעהר קיין גט איז ניט גישעהן אין דעם שטע־טיל פיטעשט.

דיא צווייטע פרויא מיינע האב איך גינעט אין בוקארעשט בייא הרב ר׳ מלבים זצ״ל, אין איין קורצער צייט האט מיר הש״י ציגעשיקט איין אשה צנועה איינע גוטע פרויא פין ערליכע עלטערן אין דאס איז מיין ווייב זלאטע בת ר׳ אברהם וויים ז״ל. אויף אזוי איינע פרויא האט בן סירא גיזאגט: אשת חן וטובת לב בל תמיר בפנינים, אשה טובה אשרי בעלה מספר ימיו כפלים. אשה טובה מתנה טובה בחיק יראי אלהים תנתן. אשת חיל נועם בעלה ישלים ימיו בשמחה. אם דל ואם עשיר לבו טוב ופניו צהלו תמיר.

(בן סירא כ״ו)

מיין ליעב ווייב זלאטע פסנתר זיצט אגאנצען טאג אין דער גאס מיט אביסעל גימיינע סחורה, קליינינקייטען, בענדליך, נאדלין, פאדים. מיט דעם גימיינעם האנדעל גינערין מיר זיך שוין זעכצעהן יאהר. וויר דאנקען דעם הערין יוסף ד׳ עליאס אין זיינער ליעבען

פרוי פאלאמבא עליאס גיבוירענע מיקא פראנקא אוים זשורזשו. וויר האבען דיא שטעללע בא זיין טהיר פין דעם גיוועלב אינ צאהלין איהם קיין גרייצער, וועהרענד אנדערע האבין איהם גיוואלט צאהלען 50 פראנק א מאנאט. אינ דער פאר האבין מיר אונזער דאנק אויסגעשפראכען אין דער „רעוויסטע איזראעליטע“ פין דעם 15 אויגוסט 89.

**Act de mulţumire.**

Mulţumită generosităţi d-lui *Ioseph D. Elias* fiul lui Canutti Elias şi Doamnei *Palamba Elias* fica d-lui Mico Franco, pot răsbate grelile vremi ale bătrâneţilor mele şi mĕ simt adânc pătruns de recunoştinţa către aceste suflete nobile pentru bunavoinţa ce au deja de 16 ani de a mĕ lăsă cu micul meu negoţ lângă prăvălia d-lor fără nici o plată pentru loc.

*Slata şi Iacob Psantir*

יעקב פסנתר, איין מאנן פין זיבציג יאהר אהנע קינדער ואנכי הולך ערירי. דא אין בוקארעשט האב איך איין ארימען ברידער*) איך בין גיבוירען אים יאהרע 20 אין דער שטאט באטאשאן, מיין פאטער איז גיוועהן א געבילדעטער מאן אין מעהרערע שפראכען; ער איז גיוועהן דראגאמאן בא דעם פראנצעזישען קאנסול אין יאססי אינ דער פאר האט מען איהם גירופען זעליג פראנצויז. מיין פאטער פלעג זיך אויך אבגעבען מיט יודישע אנגעלעגענהייטען, אז מען האט גידארפט ערלאנגען איין טובה פאר יודען בא דער רעגירונג אדער בא דיא קאנסולאטען איז דאס געשעהן דורך איהם, וויל ער איז גיוועהן בעקאנט אין יעדער אמט.

אים יאהרע 1803 האט מיין פאטער זייער פיעל גיארביט בא דער רעגירונג אז מען זאל פאר ברענגן דיא ביכער ניאפיטע וואס דער משומד נח מלמד האט געשריבען אויף יודען. אים יאהרע 1885 איז פין גריבענלאנד איינע פראגע דאריבער גישטעלט געווארין אין המגיד, האב איך דיא תשובה אויף דער פראגע גיגעבין אין היועץ נומער 772 פין 23 נאוועמבער 1885

*) נאך מיין פאטערס טויט האט מיין מוטער גינעמין דעם אנדערין מאן האט זיא איהם גיבוירען דעם ברידער. ער איז א כהן און איך בין א ישראל און וויל איך בין גיוועהן דער עלטערער אין אונזער משפחה אין האב מיך גינעהרט מיט מיין מלאכה מוזיק האבין דיא אנדערע יונגע קינדער אויך גילערינט דיא מלאכה, מיין ברידער איז יעצט א מענש פין 53 יאהר אין גינעהרט זיך פין דער מלאכה מוזיק, אין ראמאן האב איך גיפאטים, מיין שוועסטערס קינדער זענין זייא אויך קלעזמער (כלי זמר) אין אלע ארדענטליכע מענשען.

אין פון דעם אריגינאל האט דער בעל המגיד איין אויסצוג אין העברעאיש איבערזעצט אין פובליצירט אין המגיד אבער מיט ליוטער פעהלער וואס איך האב גאר ניט גידענקט אינ ניט גיזאגט האב איך גימיזט דאס העברעאישע רעקטיפיצירען אין היועץ נומער 780 פון 21 דעצעמבער 1885. אבער דער בעל המגיד האט ניט גיוואלט אויסבעססערן זיינע פעהלער, אזוי האט מען פון גריכענלאנד גיענפערט אז דער ניאפיטע וואס דער המגיד שרייבט איז ניט דער וואס מען פרעגט אויף איהם, ווייל דער רעכטער ניאפיטע איז גיוועהן געטויפט אויף ארטאדאקס אינ דער המגיד זאגט אויף קאטהאליש אינ נאך מעהרערע סימנים וואס איך האב ניט דערמאנט, דארום האב איך באשלאססען איך זאלל דאס איבערזעצין אין העברעאיש אינ דא פארטזועצען.

בוקארעשט בחודש כסליו תרמ״ו

להרב בעל היועץ!

בהמגיד נומר 37 מיום 17 סעפט. 1885 קראתי מאמר אחד מעיר „זאנטי״ בארץ יון על אדות הספר „נגד היהודים״ מעשה יד המומר „נעאפיטע״, הנדפס ביאססי בשנת 1803 בהוצאות המיטראפאליט יאקאב. בשנת 1861 העתיקו את הספר הנז׳ מרומאנית ליונית והדפיסו אותו בזאנטי. עתה ביום 24 יולי שנה העברה באה שאלה מעיר אדריאנופול אל ראש הכנסיה הכהן דיוניזיוס לאטוס מעיר זאנטי המו״ל מ״ע בשם „ציון״ שיחוה דעתו על הספר מנעאפיט וביתר על הפרק הראשון „עלילת דם״. הכהן דיוניזיוס לאטוס השכיל לענות במכ״ע שלו ותשובתו לראות בהמגיד נומר 37 שנה הנ״ל. — מתוך דברי תשובתו ישאל ה׳ לאטוס על המומר ניאפיטע לאמר: „מי הוא זה אשר מקודם היה יהודי ומורה ואח״כ נוצרי ונזיר? מי היו אבותיו? באיזה עיר נולד? באיזה קהלה מישראל היה מורה? על מה המיר דתו? באיזה בית מקלט לנזירים נתגלה ובאיזה ישב? וסוף מה טובו בהיותו יהודי ומה הם חייו אח״כ כשהמיר דתו? — מכל זה אין אנו יודעים כלל, יען בספרו איננו אומר לנו דבר מכל הענינים האלו כי אם כותב כי היה מורה בישראל והמיר דתו ונעשה נזיר וחותם שמו. הקטן שבנזירים ניאופיטו„ — ״

וזאת הוא התשובה על שאלותו כפי שאזכור להגיד מאבותי.

אבי ידע את האיש היטב. רבות פעמים ספר מהמומר „נח מלמד"
או „נח איש־כרם" (וויינעריונג). נח היה בן תופר מנעלים אחד
מעיר קישינאף (לא אמרתי כי נח נ ו ל ד בעיר קישינאף כאשר
העתיק המגיד אח"כ את דברי בטעות). פרנסתו היתה לשרת בבתי
שריפת היין אשר יכינו את המשקה הזאת ברודים. אח"כ נעשה
מלמד תינוקות בכפרים כנהוג אז במאלדוי. בסביבות קישינאף
ואריעוו גרו יהודים בכפרים ונח השכור היה מלמד לבניהם, על
דבר שכרותו נאלץ לבקש לו בכל חדש כפר אחר וע"י מדותיו
הרעים גרשו אותו האנשים בשבט או באגרוף. אשה ובנים לא היה
לו מעולם ולא יכול איש לקרבו ולעשות עמו חסד בעד מעלליו
הרעים. וכן נגרש מכל מקום במכות ובחרפות. ע"ז נטר איבה
ליהודים ולמען הכעים אותם המיר דתו ונעשה נזיר (מענך) (מן
דילי' הוסיף „המגיד" ב ד ת ק א ט ו ל י ת, והוא לא נכון כי פה
שוררת אך אמונת האורטודוקתים היונים). אבי ספר כי היה בן
שלשים ואיזה שנים בעת שהמיר נח דתו ומצא את מינו מומר
אחר זקן ושניהם העלילו עלילות רשע על היהודים. המומר הזקן
לא זכה לראות חבורו יוצא לאור כי מת מקודם ונשאר הספר על
שם נח ניאופיטו אשר הדפיס אותו בשנת 1803. אבי ספר כי
היהודים פעלו אז ע"י הקאנסולים אצל הנסיך מארוזי לשרוף את
הספר. אבי היה אז מליץ (דראגאמאן) אצל הקאנסול הצרפתי ביאססי
והתערב גם הוא בענין לשרוף את הספר. אם שרפו או לא, לא
אזכור (ולא כאשר החליט המגיד בשמי כי שרפו). ואך כאשר ספר
אבי כי הנסיך מארוזי ישב על כסא אך ארבעה שבועות, זאת היתה
ממשלתו בפעם השניה, אחריו בא אלכסנדר שוטצו וישב על כסא
שלש ירחים, עוד בשנה ההיא נמשח קאנסטאנטין איפסילאנטי אשר
משל יחד עם הרוססים ותהי הארץ אז כמרקחה, הקונסולים נחלפו
ממשמרתם והממשלה הרומאנית נחלפה. וכן נשתתקה גם שאלת
הספר הנ'. את המומר נח מלמד שלחו הכומרים מיאססי אל בית
מקלט הנזירים מניאמץ לאשר לא נשאו אותו אתם יחד בעד
מעלליו הרעים. ואשר יאמרו שונאינו כי היה ר ב ג ד ו ל (marele
Rabin) בעיר אחת היא שקר מוחלט, כי הוא לבדו כותב על עצמו
בסוף הקדמת ספרו: „הייתי מ ל מ ד אצל היהודים" (am fost
invĕţător la jidovii) ולא יאמר „רב" (Rabin) ומלת

„invěţător“ ברומאנית תורה על מ ל מ ד ולא ר ב.— הייתי כבן ט״ז או י״ז שנה בעת שדברתי עם הר׳ אליעזר שמש מעיר ניאמץ, זקן בן מאה שנים ויותר, הוא היה מונה מספר המומרים מבית מקלט הנזירים מניאמץ, והיה מספר כי המומר היותר להכעים הוא השכור הזקן ניאופיטו. כבר הוא זקן יותר משבעים שנה ועוד הנהו בריא אולם וסובב בכפרים לקבוץ על יד ומתהפך בכל בתי המשקאות ועי״ז ישנאו אותו גם הנזירים מבית המקלט הגדול. כל איש ישר מנע חברתו וגם איש לא ידע באיזה מקום מת (לא כאשר ההליט המגיד בשמי כי מת בשנת ה ש ב ע י ם לימי חייו). ספרו הבזוי היה מנואץ גם בפי אצילי המאלדאווים.— עם כל איש־מאלדאווי אשר דברתי בעת ההיא על אודות הספר הבזוי הנ״ל ירק עליו בחרפה ויקרא: „כפני המחבר כן פני ספרו“. לא האמנתי בחיי כי אנשים משכילים באיירופא יעתיקו ללשונותיהם הצחות ויבלעו עתם לקרא דברי לעג ובלע כאלה. הכהן החכם דיוניזיום לאטוס מעיר זאנטי יוכל לסמוך על דברי כי כתבתי בדעה מיושבת כאשר זכרתי מאבי המנוח, יליד מאלדוי (את אבי קראו אז „אשר זעליג פ־אנצויז“ לאשר הבין שש לשונות בדבור וכתב, מת בשנת 1831 בהיותי בן י״ב שנה). וגם ידע הח׳ לאטוס כי הספר הבזוי הזה מהשכור ניאופיטי לא עשה שום רושם אצל עם המאלדוים והראי׳ כי מראשית המאה הנוכחית עד שנת 1866 חיו היהודים את המאלדוים כאחים יחד בכל הערים ובכל הכפרים כאשר כתבתי בספרי „Toleranţa religiósă îu Moldova“ אשר אתי בכתובים. כל איש עצם עיניו מספר המומר ניאופיטו, וכאשר נקרה לפעמים כי התעללו ג̇רינו שונאינו ברשע להאשים אותנו בעלילת דם לא עלה בידם, כאשר הוכחתי בספרי אשר הוצאתי לאור. את תורתו הנמאסה של השכור ניאופיטו גנזו הכהנים מאז להיות לדבר עתיק לימים יבואו אחרי מות כותבה הנבזה למען יקדישו אותה בתת למחברה תור „רב“, ואולם שכחו כי המחבר לבדו כתב: „הייתי מ ל מ ד אצל היהודים“ ולא „רב“.

פ. ס. ידידי הר׳ מ. שווארצפעלד העירני כי המיטרופוליט „יאקאב“ לא היה נגד היהודים ואשר הדפיס את ספר המומר ניאופיטו על הוצאותיו ונתן ברכתו עליו כבעל ספר אמונה היה מטעם כי הוא ככל ההולכים לפניו עד שנת 1860 חפץ להביא את

היהודים תחת כנפי דתו, ולאשר לא יכלו לצאת עליהם בהכפה הוציאו לאור ספרים כאלה בחשבם למאס ע״ז אמונתנו בעינינו ויפנו יהודים אל דת הנוצרי, לאות כי המיטרופוליט בנימין, הנודע לאוהב ישראל, הדפיס את הספר הנ״ל פעמים בשנה אחת בשנת 1838, מחפצו לחזק בזה את דת הנוצרים. מאז נדפס הספר עוד הפעם ע״י „יאקאבינקי סטאיאנאוויטש“, ממנו נכר כי הדפיס את הספר אך למען הרבות שנאה על היהודים. הצורר סטאיאנאוויטש נודע לאיש חסר דעת. בעיר בוקארעשט הוציאו לאור אח״כ את חס׳ הנ׳ ע״י אנשים פרטים בשנות 1871, 1872, 1877. המו״ל משנת 1871 העיר כי יעשה זאת אך לאשר היהודים לקטו את כל העקסעמפלארים מהספר הנ׳ ואין אחד למצא בידי איש נוצרי.

## יעקב פסנתר

(נעתק ע״י אליעזר כתבן.)

סקיצא ביאגראפיקא וואס איך האב פובליצירט אין היועץ נו׳ 802 פין יאר 86. עס איז נאר ניט שעה, דאס איין מענש זאלל פין זיך אליין שרייבען זיין לעבענס-בעשרייבונג, נאר אבער ווייל איך האב גיזעהן דאס מעהרסטע געשיכטען-שרייבער האבין בעטאנט זייער ביאגראפיע ביי זייער לעבען, אזוי וויא דר. יש״ר מיקאנדיע אין זיין הקדמה פין ספר „אלים“ אין אזוי וויא דער בעל „אפס דמים“ אין זיין הקדמה אינ נאך אזעלכע אויטארען האבין זיך ניט גישעמט אינ האבען זייער ביאגראפיע געשריבען אין זייערע ביכער: אבוואהל איך קאן מיך צי זיי נישט פערגלייכען נאר אבער אין מיין פאך, אזוי איין מענש וויא איך געפין מיך וואס איך האב ניט שטודירט קיינע שולען, אוניווערזיטעט אדער אין ליטשעאום האב איך קיין מאל נישט בעזוכט. נישט איך וויים וואס פאר איין מאכל דאס איז, תורה נביאים וכתובים איז גיוועהן מיין ליצעאום אינ דיא מפרשים זענין גיוועהן מיינע לעהרער. דארום האב איך מיר ער־לויבט איינע קורצע ביאגראפיע צי שרייבען אזוי וויא איך געפין מיך יעצט אין דיא לעצטע יאהרען פין מיין לעבען איין טהייל פין מיין ביאגראפיע איז שוין פובליצירט ווארדען אין „פראטערניטאטע“ נומער 48—49 פין 12 דעצעמבער 1880 אינ דאס צווייטע מאל אין דיא אנאלען פין דעם היסטארישען פעראיין יוליום באראש׳ גערדרוקט אים יאהרע 87. דיא גרייכט אבער ניט ביז אין דיא יאה־

רעןׂ וואס איךְ געפין מיך, דארום האב איךְ מיר פארגינעמין נאךְ איין טהייל צי שרייבען כדי דיא זאל זיך פעראייניגען מיט דער ערשטער ביאגראפיע.

איךְ האב גילעבט ייניגע דרייסיג יאהרע צווישען איין נידערטרעכטיג פאלק, צווישען ציגיינער מוזיקאנטען, דיא ווארען דאמאלס אייביגע שקלאווען בא דיא באיארען (אין מיין ספר דברי הימים לארצות רומעניע האב איךְ פין זייא פיעל גירעד) איךְ בין געצווינגען גיוועהן מיין מלאכה מיט זייא צי פיהרען, דאמיט איךְ זאלל קענין מיין ווייב אין קינדער אויף איין ארדענטליכען וועג ערנעהרען. אבער חאטש איך האב גילעבט צווישען אזעלכי נאציאנען „עם לבן גרתי ובין הכושיים היה גורלי“, האב איך דאךְ נישט פארלוירען דיא הייסע ליעבע וואס איך האב גיטראגין אויף מיין גלויבען אינ אויף מיינע ברידער איךְ האב אויף מעהרערע ערטער מקדש השם גיזוען אינ צווישען דיא גרעסטע גילערנטע דיא ניט יודען זענין גיוועהן האב איךְ פארטהיידיגט אונזער גלויבע אינ פארהייליגט אונזער תורה ווייל איעדער אות איז בא מיר טייערער פין אבנים טובות אינ גראדע דער פאר האב איךְ מעהר עהרע גיהאט ביי דיא אומות העולם אינ ווייל איך האב מיט דיא נאבילסטע מוזיקאנטען מיטגיארביים האב איך גיהאט דיא עהרע אונטער דיא גרעסטע געזעלשאפטען צי קימען אינ זייערע דיסקורציאנען אויסציהערען׳ אינ דארום ווייל מען האט מיינע ברידער אין זייער דיסקוציאן טיטולירט מיט דעם שענדליכען נאהמען ,,סטרעאין באגאבאנד“ האט מיךְ דאס זעהר גיערגירט אינ מייך לעבען פערביטטערט. אזעלכע ערלע קינדער וואס זייא זענין, פין אורעלטערן גיבוירענע אין דיא לענדער רומעניען אינ האבין אויךְ גרונד, הייזער, וויינגערטנער, שטיקלעךְ מאשיעס וואס איז זייא געבליבען פין זייערע עלטערן פין הונדערטטר יאהרען אינ האבען אויךְ שטודירט אין דיא רומענישע שוהלען אינ האבין זייער שטודיאום מיט איין גרויסען סוקטשעס דורכגעפיהרט אינ צום סוף האט ער גיהייסען ,,סטרעאין באגאבאנד“, ווארום, דאמיט ער זאל זיין עקסיסטענץ ניט קענין פארדינען אין רומעניען. שפעטער אין דיא יאהרען 1856—57 ווען דיא פריצישע ציגיינער זענין בעפרייעט גיווארין פין זייער שקלאווערייא אינ זענין הייסע רומענער גיווארען.

אינ בדי מיך צי ערגערן אינ מיר מיין לעבען צי פארביטערי, פלעגען זייא מיר זאגען דאס איין יוד האט נאר איין פיזיאגנאמיע פין איין מענשען אבער איין מענש איז ער ניט, דער יוד איז נאר וויא איין אף אקעגען איין מענש.

דיא אנטיסעמיטישע דיסקוציאנען האבען אין מיינעם הערציין גיברענט וויא איין העליש פייער, דיא צווייא מענשליבע כוחות דער כח הדמיון אינ דער כח השכל דיא האבען איין גרויסע שלאכט געפיהרט אין מיינעם הערצען אזוי וויא צווייא בעל מלחמות אויף דעם קריעגספעלד, איעדער האט זיך מיט זיין פארשטעללונג פאר מיינע אויגען אנידערגישטעללט אינ האט מיר איין וועג געוויזען, וויא ארים צי געהן איך זאלל קענין איין רפואה געפינען דאמיט איך זאלל קענין אבוואשען דעם שענדליכען פלעק וואס אויף מיינע ברידער איז ארויפגעווארפען. אינ דיא לעהרע פין דעם כח השכל האט מיך אויף א גיטען וועג געבראכט אינ איך האב בעשלאסען איינע ריעזיגע ארבייט צו אונטערנעהמען אינ דאקומענטע צי זאממעלן דאמיט איך זאלל קענין איינע געשיכטע דער יודען אין רומעניען שרייבען, איך האב דיא איניציאטיווע מיט שווערער מיהע אינ מארטער ציזאממענגעבראכט, איך האב גענמיזט מיין פרנסה שטערען אינ מיין הויזגעזינד פארלאזען אין דער שטאט בוקארעשט אינ אויף דעם לאנג ארים רייזען פין דארף צי דארף פין שטאט צי שטאט, איך האב אויף איעדען ארט דאס בית הקברות בעזוכט איך האב מיט מיינע פינגער אויסגיגראבען אלטע מצבות אינ דאס וויכטיגסטע אבקאפירט אינ אין מיינע ביכער נעשריבען. יאהרענוויים בין איך נע ונד גיוועהן פין מיין היימאט, וויא איך האב גערטאגט האב איך ניט גינעכטיגט, זימער אין דיא גרויסע היצען אינ ווינטער אין דיא גרעסטע קעלטען האב איך ניט געריהט אינ בין ארימגעקראבען אין אללע לעכער, איך האב קיין רחמנות גערהאט אויף מיין לעבען אינ אויף מיין הויזגעזינד, איך האב קיין שטיצע געהאט פין קיין שום מענשען. עס איז ניט דא אזוי פיעל טינט מיט אזוי פיעל פאפיער אז מען זאלל קענין בעשרייבען דיא גרייעלטהאטען אינ אונגליקען וואס מיר זענין איבערגעגאנגען אויף דיא וועגען אינ אויף מיין ווייב זלאטע מיט איהרע צווייא קינדער אין בוקארעשט, אינ אז גאט האט מיר גיהאלפען אז איך האב שוין

אנגעזאממעלט מאטעריאל אינ האב שוין ציזאממענגישטעלט מיין
ספר דברי הימים" האב איך ערשט אנגיהויבען אויפס נייע פאר־
שווארצט צי ווערין אינ ארים צי פאהרען פין שטאט צי שטאט אינ
צי שרייען גיוואלד אז מען זאל מיר העלפין צי דער דריק מיין
מאנוסקריפט איז גילעגין וואכענוויים בייא דיא משכילי הדור, ביז
גאט האט דערוועקט דאס הארץ פין החכם המשכיל ראבינער אנטאן
לוי, ער וואר דאמאלס פרעדיקאטאר אין טעמפעל פין הער־ן ניישאץ
ער האט גירעד מיט הערין גאלדנער ער זאל דאס דריקען אויף זיינע
שפעזען אינ דערנאך זאל איך דיא ביכער פארקויפען אינ דיא דריקשפע־
זען באצאהלין. דאמאלס האב איך שוין אנגיהויבן צי געבין כתב יד
אין דער דרוק אריין אינ הרב הגאון מוהר"ר ר' פייביל טויביש האט
מיך זעהר שעהן מקרב גיוועזן אין האט מיר מוסר גיוועהן מעהרערע
שאלות ותשובות אויסער דיא שו"ת וואס החכם המשכיל ר' אברהם
כ"ץ האט מיר איבערגינגעבין אין פיאטרא אים יאהרע 1869. דיא
אלע גרויסע ספרים האב איך נאר געפינען אין יאססי ביי הרב ר'
פייביל טויביש, איך פ"עג אלע טאג קימען צים רבינס טיש אינ
לערנין דיא שו"ת אינ האב זייא באצייכענט אין מיין ספר דברי הימים
לארצות רומעניע אים יאהרע 187i איז מיין ספר פערטיג גיווארין
האב איך ערשט געמיזט ארים רייזען אויף דעם לאנד דיא ביכער
פארקויפען איך זאל קענין דיא דריקשפעזען בעצאהלען, אין דער צייט
האב איך שוין ווידער גיזאמעלט דאקומענטע אינ אויך טראדי־
ציאנען פין אלטע לייט כדי איך זאל האבין מאטעריאל פאר דעם
2טען טהייל „קורות היהודים ברומעניע", דאס איז געדריקט גיווארין
אין סוף יאהר 1873. אים יאהר 1874 האב איך מיט דעם צווייטען
בוך אויך געמיזט ארימפאהרען אויף דעם לאנד, איך האב אויף דעם
וועג קיין האניג גילעקט, נאר עס איז מיר שוין אסאך גרינגער גיוועזן
וויא דיא ערשטע רייזע. ווייל דאס נאבלע פעראיין ציון האט מיך
דאמאלס מקרב גיוועזן אין איהר מיטטע. איך בין דאמאלס אים
ואהר 1874 אויפגינגעמין גיווארין אין פעראיין ציון מיט דער הילף
פין דיא נאבעלסטע פערזאנען וואס זענין דאמאלס גישטאנין אן דער
שפיצע דעם פעראיינס אזוי וויא דיא הערין פיקסאנא אמעריקא־
נישער קאנסול צו בוקארעשט, דר. אדאלף שטערן אין זיין גאט־
זעליגער ברודער דר. לעאפאלד שטערן, אינ דער גאטזעליגער דר.

ראזענטהאל וואר דאמאלס פרעזידענט דעם פעראיינעס ציון. איך
מיז אין דער עוויקייט דאנקבאר זיין דיא נאבלע מענשען וואס האָ־
בין טהייל גינעמין אין מיין אויפנאהמע אין ציון, ווייל איך האב זייער א
גרויסע שטיצע גיהאט פין ד־עם פעראיין אויף דער רייזע אין דער
מאלדוי. אין אנפאנג דעם יאהרעס 1875 בין אין אהיים גיקימען פין
מיין רייזע האב איך מיך ווידער אנגאזשירט מיט איין מוזיק באנדע
אינ אזוי האב איך מיר גיהאלטען מיין בני בית בכבוד גדול. —
אין דער צייט האט מיר פראפאגירט דר. הירש אז איך זאל א קורצע
אויסצוג מאכען פין מיינע 2 ביכער אין ער וועט דאס אויף זיינע
שפעזין דריקען לאזין אין דייטשער שפראכע, איך האב דאס ריכטיג גע־
טהון אינ זייער שנעל דארינען גיארבייט, איך האב דיא וויכטיגסטע דא־
קומענטע פין מיינע צוויי ביכער ארויסגעשריבען אינ נאך מעהרערע נייע
ארגומענטע ציגעזעצט אינ האב איין עקסטרא בראשירע געבילדעט
אין האב דאס טיטולירט מיט דעם נאמען „מזכרת ציון צור עהרע דעם
פעראיינס ציון. איך האב דיא צייט ניט פער־זוימט אין האב דאס מאנו־
סקריפט ארויפגיטראגין צום דר. הירש. ער וואר דאמאלס פרעזידענט
דער דאטאציאנע דע וואראווע שי ארפאניע פאן דעמזועלבען פעראיין.
דאס מאנוסקריפט איז בא איהם גילעגין איניגע טאגע אין ער האט מיר
דאס ציריקגיגעבין מיט דיא ווערטער, וויר ברויכען עס ניט מעהר, זיא
קענין דאמיט טוהן וואס זיא וואללען. איך בין אפילו אביסעל בייז גע־
וועהן דאריבער, נאר וואס האב איך איהם גיקאנט טיהן. איינסטוויילען
האב איך מיין כתב יד באהאלטען אויף איין גיט ארט דיא מייז זאללען
דאס ניט אויפפרעסען.— איך האב אפאר מאל דערצעהלט דעם גאט־
זעליגען דר. ראזענטהאל אינ האב איהם גיפרעגט פאר וואס דער דר.
הירש ערפילט ניט זיין מיסיאן וואס ער האט מיר פערשפראכען, פלעג
ער מיר ענפערן, פיליכט האט ער שוין ארויסגינעמין איין פאר נאטיצען
דערפין, נא צי וואס דארף מען נאך פארצעהרען געלד וועגען דריקען צי
לאזען, עס קאן בלייבען אויף איין אנדערט מאל.— איך האב בעשלא־
סען אין מיינע גערדאנקען אז איך זאל דאס לאזין איבעריזעצען אין דער
דייטשען שפראכע אינ דריקען אויף מייניַ שפעזען אינ איך האב דאס
ריכטיג געטהון, אזוי וויא איך וועל דערפין שפעטער רעדין ביי דעם יאר
76, ווייל פין נון אן אינ ווייטער ווערד אונזער ביאגראפיע פארשטעללין
וויא איך האב טהייל גינעמין אין דער גרינדונג דעם פעראיינס בתי

מחסה לזקנים“ אין וואס איך האב געלייסטעט דעם נאבלען פעראיין פין דעם ערשטען טאג דער גרינדונג ד, ה. פאם 5 יולי 1875 ביז אינדיא היינטיגע צייט וויא מיר געפינען זיך נאך יעצט אין אזיל. דאס וועט זייער אינטערעסאנט זיין פיר דיא שפעטערע זשענעראציאן, איינסטוויילען ווירד אונזער ביאגראפיע גישלאסען.

יעקב פסנתר

יעצט געהן מיר איבער ציא דער גרינדונג דעם פעראיינס בתי מחסה לזקנים וואס איז אלץ אים יאהרע 75 געגרינדעט גיווארען.

## בתי מחסה לזקנים

# אבן פינה למזכרת נצח*)

### צום עוויגען אנדענקען

דאס דער טאג 5 יולי 1875 מוש״ק פ׳ בלק תרל״ה לפ״ק וואר דער גרינדונגסטאג פין דעם פעראיין בתי מחסה לזקנים צים צוועק איין אזיל אין בוקארעשט אינ׳ם לעבען צי רופען פיר אלטע מענשין וואס קענין זיך שוין זייער ברויט ניט פארדינען.

אים יאהרע 1879 האט דאס פעראיין גיקויפט דאס פלאץ פין סטר. קאטיטא נו׳ 7 אויף וועלכען עס זענין הייטע גיבויעט דאס אזיל וויא אויך דיא שיהל וואס דיא גאטזעליגע פרוי טעמע צענטלער האט דורך איהר טעסטאמענט געמאכט צום עוויגען אנדענקען לר׳ עזריאל באט.

דיא גרינדער פין דעם פעראיין בתי מחסה לזקנים זענין:

| | |
|---|---|
| ר׳ אנשיל ריינשטיין | ר׳ יצחק מאירזאהן |
| „ ליב יאנאוויטש | „ מענדיל שטיינפעלד |
| „ אברהם משה איזראלאוויטש | „ ישראל ראזענבערג |
| „ יעקב פסנתר (המחבר) | „ שבתי מאיר |
| „ מרדכי ליפא לאנדוי | „ משה קופפערמאן ע״ה |

*) איך האב דעם אבן פינה אין דער שפיטצע פין דער געשיכטע „בתי מחסה לזקנים“ געשטעללט, דער ווערד אונזער מארמארשטיין זיין צום אייביגען אנדענקען ער ווערד ארומלויפען דיא גאנצע ערדקוגעל אין ווערד פארשטעללען דער וועלט אונזער גערעכטיגקייט, דענן דער וועלטסריכטער איז דיא געשיכטע, זיא ווערד דעם אמת קלאר ארויסווייזען, אזוי דיא יעניגע וואס האבין דעם אמתן גרונד ערשטיקט אין מיט אשע באדעקט וועלין יעצט מיט אייבער שאנדפארבע אין דער עוויגקייט גישטעמפעלט ווערין.

המחבר.

מוסדות הבתים במעבה אדמה מונחים
לא תואר למו מלב ועין נשכחים
והבנינים א״ר עליהן נשענים
מחוץ מתראים ומתנאים
לפי ענין הבנאים.
כן הראשונים הניחו אבן פינה
למוסדות כל דבר חכמת בינה,
והיו שתותיהם בעפר מתכסים,
לא שם למו ואינם מתנשאים,
והאחרונים הבונים על היסודות ההם
יתראו יתגאו ונקראים אנשי השם.

דער גרונד פֿין הייזער ליגט פארדעקט אין דער ערד ער איז ניט געפיצט אינ ווערד פֿין איעדענס הערץ אינ פֿין איעדען אויג פארגעסען אבער דיא הייזער וואס אויף דעם גרונד זענין גיבויעט ווערין פֿין דרויסען ארויסגיזעהן מיט זייער שעהן פארפיצונג לויט דער ארכיטעקטור.

אזוי אויך דיא ערשטע וואס זייא לייגען דעם גרונדשטיין צי איעדער גוטע אינ רעכטשאפענע זאכע, בלייבען דיא גרינדער אזוי וויא מיט אש פאר דעקט, ניט אמאל זייער נאמען ווערט דער־מאנט, אינ דיא שפעטערע ציגעקימענע וואס זייא בויען אויף דעם גרונד וואס דיא ערשטע האבען גיליינט, דיא ווערין אנגיזעהן מיט גדלות אינ זיי ווערין גירופען אנשי שם. (חכמה ומוסר פֿין הרה״ר מרדכי וויים-מאן חיות).

דיא בעל מלאכות האבין געגרינדעט דאס פעראיין בתי מחסה לזקנים, מיר האבין גיארבייט מיט אונזער בלוטיגען שווייס ביז מיר האבען ציזאמענגעבראכט 80 מיטגלידער לויטער בעל בתים פֿין דער מיטלער קלאסע אינ מיר האבען זיך בערעכטהעט אז מיר זא-לען אריינעמען אנשי שם, דאקטורים, נגידים עשירים, אז זייא זאלין אונז העלפין צו דער זאכע. צי וואס נעמט מען דען אריין פאר־מעגליכע מענשין אנשי שם, כדי זייא זאלין מיטהעלפין מאטעריאליש אבער אז דיא אנשי שם קימען אויף דעם בענקיל שעמט מען זיך גאר מיט דיא גרינדער אינ מיט בעל מלאכות בעל בתים, וואס זייא האבין דיא אנשי שם גיזעצט אויף דעם בענקיל, דארום זאגט

דער מחבר פין דער מאטע אז דער גרונד וואס דיא ערשטע לייגען ווערט גאר פארגעסין דורך דיא אנשי שם וואס זייא בויען אויף דעם פרעמדען גרונד אינ זייא באריהמען זיך מיט זייער בנין וואס זייא האבין גיבויעט אויף איין פרעמדען גרונד וואס זייא האבין איהם ניט געגרינדעט כדי זייא זאלין הייסען אנשי שם. יעצט אז עס ווערד געגרינדעט איין פעראיין ווערד באלד פובליצירט אין דיא צייטונגען אז דיא אינ דיא מענשען האבין געגרינדעט דעם אין דעם פעראיין, ווייל דיא וועלט האט שוין איינגיזעהין דיא גרינדער פין בוקארעשטער אזיל פיהרען שוין 8 יאהר קריעג מיט דעמזעלבען קאמיטע וואס זייא אליין האבין זייא גיזעצט אויף דעם בענקיל אינ דער קריעג איז נור פיר דאס ענטדעקען דער גרינדער, אינ דאס איז פובליצירט גיווארין אין אלע צייטונגען, אינ דאס האט יעדער אין אכט גינעמין אז עס זאל ניט קימען צו א.וי איין קריעג. ווען מיר פובליצירען דעם ערשטען פראצעס ווערבאל וואלטען מיר אויך דערצי ניט גיוועהן גיקימען, נאר מיר האבען דעמאלס נאך קיין מאדעל גיהאט. מען זאל זעהן דעם אפעל וואס דר. סענדער האט ארויסגיגעבין איבער דער גרינדונג פין בתי מושב זקנים אין ירושלים דער אפעל איז אונטערגעשריבען פין איהם מיט דיא ווערטער: דער גרינדער אינ פארשטעהער פין דיזם מושב זקנים אין ירושלים. איינער האט איהם גיגעבין 800 פראנק האט ער איהם נאר איין דאנק גיגעבין אבער ניט גרינדער, אינ אפילו אז איינער וועט געבין 30.000 פראנק וועט ער אויך קיין גרינדער הייסען. אז באראן הירש שענקט אויף דער אליאנצע אין פאריז מיליאנען פראנק הייסט ער נאך ניט גריינדער. אז חנה יענטא האט גישענקט 500 רענדליך וועגען דער ערשטער בויא, דאנקען מיר איהר דער פאר אינ אזוי מיר גרינדער געבען אונזער דאנק איעדען וואס ער האט מיטגעהאלפען. דא איז קיין פלאץ מעהר דערפין צו שרייבען, ווייטער אין דער ביאגראפיע ווערד דאס גענוי ערקלערט ווערין.

וואס דר. סנדער האט ארויסגיגעבין פיר מושב זקנים אין ירושלים זאל מען זעהן אין היועץ נומער 1112 פין ה׳ ניסן תרמ״ט.

צווייא אלטע גיטע פריינדע האב איך דאמאלס גיהאט אים פעראיין ציון, נעמליך: ר׳ ליב יאנאוויטש אין ר׳ אנשיל ריינשטיין. ווען מיר פלעגין זיך צוזאממענקוממען האבין מיר גירעד נאר פין

פעראײנען, װײל אין יענער צײט פלעג זיך אלע טאג בױען אײן אנדערער פעראײן. ר׳ אנשיל רײנשטײן איז דאמאלס גיװעהן פרעזידענט אין אײן פעראײן אגודת אחים רודפי צדק. אין חורש מאי 75 באגעגין איך ר׳ אנשיל רײנשטײן נעבען מײן שטיב (סטראדא ספינצילאר) האבין מיר זיך צישמיעסט פין פעראײנען, האב איך גיזאגט אז איך װיל אנטהײל נעמין אין זײן פעראײן װיא ער פרעזידירט, איך װעל אײנצאהלען אין װעל זײן אײן מעמברא אקטיװ גלײך מיט אלע מיטגליעדער, אזוי האט ר׳ אנשיל רײנשטײן מיר גיענפערט, װארטען זיא נאך אײניגע טאגע איך װעל דעמיסיאנירען פין דעם פעראײן רודפי צדק װײל עס גיפעלט מיר גיט, אינ מיר װעלין זיך פעראײניגען מיט ר׳ ליב יאנאװיטש אינ מיר װעלין גרינדען אײן פעראײן װעלכער װעט גאנץ נײא זײן, װײל איך בין שוין אין פערהאנדלונג מיט א 6—7 מענשען װעט איהר אויך זײן צװישען אונז. װיא מיר האבין אזוי גירעד נעבין מײן טיהר זענין צי־געקימען מײנע 2 שכנים ר׳ שבתי מאיר א פרױענשנײדער אין ר׳ ישראל ראזענבערג א דרעקסלער אינ האבין זיך אויך אנגעשלאסין אין אונזערע רײד אינ זענין ציגעשטאנען צו אונזער בעשלוס. דא־מאלס האט ר׳ אנשיל גיזאגט: יעצט מיט דיא 2 זענין מיר שוין 9 מיטגליעדער, באגעגינט אײך מיט ר׳ ליב יאנאװיטש װעלין מיר אײן זיצונג אבהאלטען אינ מיר װעלין זיך בעראטהען װאס צי טוהן אין. עס איז אװעק גיגאנגין אײניגע טאגע האב איך מיך באגעגינט מיט ר׳ ליב יאנאװיטש האט ער גיזאגט װאס איז צי טהון, מיר זענין אלע בעל מלאכות, מיר האבין קײן צײט זיך אבציגעבין מיט דער ארבײט, טיהט איהר דאס שליחות אינ רופט ציזאממען דיא עטליכע מיטגליעדער אינ ריפט ר׳ אברהם משה איזראלאװיטש אויך, חאטשי ר׳ אנשיל רײנשטײן איז נישט צופריעדען מיט איהם נאר װײל עס פעהלט אונז נאך אײן מענש צים מנין לאז ער זײן דער צעהנטער. איך האב אײנגיזעהן אז דיא מענשען קענען נאך יעצט גאר נישט טיהן, אזוי װעל איך אנפאנגען עטװאס צי טוהן איך בין גיגאנגין צי ר׳ אנשיל רײנשטײן אינ מיר האבין זיך בײדע אײנפערשטאנדען אז מיר זאלין אײן זיטצונג ציזאממענריפען אויף שבת פרשת בלק (5 יולי 75), איך בין באלד אהײם גיגאנגין אין האב גימאכט 8 קלײנע בילעטיך אינ האב אזוי געשריבען:

וויר ביטטען, זיא זאלין אזוי גיט זיין אין קימען שבת פאר נאכט צי ר׳ אנשיל ריינשטיין אהיים

אונטערשריפט

דאס פראוויזארישע קאמיטע

איך האב ציפליים אונטערגעשריבען איין פראוויזאריש קאמיטע וועהרענד עס איז נאך גאר ניט גיוועהן, כדי איעדער זאלל קימען צי דער זיצונג.

איך האב מיט דיא איינלאדונגס־קארטען זעהר גיט גיטראפין, מיר זענין זיך אלע צעהן מענשען ציזאממענגעקוממען מוצאי שבת צי מעריב בא ר׳ אנשיל ריינשטיין, אין דאס זענין דיא 10 מענשען וואס זענין אויבען אין אבן פינה אויסגירעכינט.

ר׳ אנשיל ריינשטיין האט אינז גישטעלט איין טיש אונטער דעם גאטויע־בוים נעבען דער ברינע אין מיר האבען אנגעפאנגען אונזערע דיסקוציאנען אויף וועלכער ארט מיר זאלין דאס פעראיין גרינדען אין דעם בעשלוס וואס מיר האבין זיך דאמאלס פערר־אברעדעט האט הערר יאנאוויטש באלד איין פראטשעס ווערבאל געשריבען אין דאס זענין דיא פרינציפאל־פונקטען:

דאס פעראיין זאל הייסען „בתי מחסה לזקנים“, אין איעדיר מענש וואס וויל טהייל נעמין אין דעם פעראיין זאל געבין 2 פר. איינשרייבגעלד אין איין פראנק א חודש. דאס הייסט צוועלף פראנק א יאהר,

אין איך האב מיך אבליגירט אז איך זאל ארים געהן פראר־פאגאנדא מאכען אין מיטגליעדער אריין צי ברענגין אין אויך געלד איינציקאסירען ביז אין אונזער קאסע וועט זיין טויזענד פראנק. דער־מאלס זאל מען ערשט צינעמין איין שמש מיט ליאפע. באלד האר־בען מיר איעדער אנידער גילעגט זיינע צווייא פראנק אין דאס איז גיוועהן דער ערשטער פאנד פין 20 פראנק, מיר האבין דעם פאנד איינגעלעגט בא ר׳ אנשיל ריינשטיין. ער איז גיוועהן דער ערשטער קאסירער, ליב יאנאוויטש דער ערשטער סעקרעטער אין פסנתר דער ערשטער פראפאגאנדיסט אין איינקאסירער, מיר 3 מענשען האבין געפיהרט דיא אינטערעססען דעם פעראיינס, ווייל דיא אנ־דערע זענין ניט פעהיג גיוועהן דערצי. אין איעדער האט זיך פאר־טרויעט אויף מיין ארבייט. דאמאלס האב איך גיזאגט מיינע ליעבע ברידער איעדער זאל געהן צי זיין ארבייט אין צי זיין מלאכה אין

זאל בעזארגען זיין הויזגעזינד. אין וויל מיין מלאכה איז נאר בא נאכט דארום האב איך דען גאנצין טאג צייט צו זארגען פאר דעם פעראיין, אין איך האב דאס עהרליך מקיים געוועהן. דעם ערשטען טאג זינטאג בין איך ארויסגעגאנגען אויף דער גאס אין האב אנגע־הויבען ארימצינעהן צו מיינע בעקאנטע גוטע פריינד. איך בין גע־קומען צו ר' שמואל רויזען אין דערצעהל איהם, אז מיר האבען געבטין געגרינדעט איין פעראיין בתי מחסה לזקנים נאר פיר אלטע לייט זייא זאלען דארט זייער עלטער צוברענגען, שטייט צו צו אונז זיא האבען נאר איינציצאהלען 2 פראנק איינשרייבגעלד אין איין פראנק א חודש קאטיזאציאן. אין דיא מענער וואס וועלין זיך צו מיר איינשרייבען וועלין הייסען דיא ערשטע פונדאטארען אין דיא וועלין געצעהלט ווערין ביז 36 מיטגליעדער, אין דיזע ווארטען האב איך מיט פליס געזאגט כדי מען זאל מיך ניט רעפוזירען. מיינע גוטע פריינדע האבין מיך ניט רעפוזירט אין האבין זיך צו־געשריבען. אזוי פלעג איך אלע טאג ארימגעהן אין ווען איך האב געקענט האב איך צוגעצויגען אין איינגעשריבען. איעדער מיטגליעד פון דיא צעהן מענשען האבין אויך מיטגעארבייט. פאר נאכט אז זייא האבען אוועק געלעגט דיא מלאכה זענען זייא געגאנגען אין גאס אריין אין האבין געווערביווט מיטגליעדער. אבלל ביז אין א קורצע צייט האבען מיר צוזאממענגעשלעפט עטליכע דרייסיג מיטגליעדער דעמאלס האבין מיר שוין געוועהלט איין פראוויזאריש קאמיטעט. ר' אנשיל ריינשטיין פרעזידענט, ר' וואלף שטערן סעקרעטער ר' יוסיל קראיאווער קאסיער, יעקב פסנתר איינקאסירער. דיא פיער מענשען האבין געפיהרט דיא אינטערעססען דעם פעראיינס ביז אין יאהר 1876 אין איעדער האט פראפאגאנדא געמאכט אין צוגע־שלעפט מיטגליעדער, אז ביז אין יאהר 76 האבין מיר געצעהלט 80 מיטגליעדער, דעמאלס האבין מיר זיך בעראטהען אז מיר זאלין וועהלען איין קאמיטע דעפיניטיף אין מאיאט יענער 76 איז געוועהלט געווארין דר. בלומענפעלד אלס פרעזידענט, לואי הירש וויצעפרע־זידענט, ר' אברהם גארפונקעל קאסירער, ר' נפתלי פאפער סעק־רעטער, ר' אברהם שלומאוויטש קאנטראלאר, יעקב פסנתר איינקא־סירער חנם אין כסף, מעמברעס זענין געוועהן דיא געוועהלטע ר' וואלף מיכאלאוויטש, ר' יאסיל קראיאווער, ר' אנשיל ריינשטיין,

ר׳ אברהם משה, ר׳ ליב יאנאוויטש. ר׳ שמואל רויזען, ר׳ משה שפילמאן, ר׳ יוסף וועקסלער.

אלס אין דער צייט אין אנפאנגס יענער 76 איז געגרינדעט געווארען אין בוקארעשט דיא צווייטע ציון לאושע. זיא האט געפירט דעם נאמען „לומינא״ דעמאלס האב איך געפינען דיא געלעגענהייט אז איך זאל אוועק לעגען מיין מלאכה אין זאל שוין לעבען נאר צווישען יודען אזוי וויא איך האב מיך פיעל יאהרען געבעטען בא גאט אז איינינגע יאהרען פאר מיין טויט זאל איך קענין אוועק לעגען מיין מלאכה אין איך זאל מיך קענין גענעהרען נאר צווישען יודען. אזוי מיינע ליעבע לעזער ציא דעם געבעט איז דיא שוהלע לאמינא באשאפען געווארען; אז מיין וואונש זאל ערפילט ווערין; אין איך זאל קענין מיינע ענדע יאהרען אבלעבען נאר צווישען יודען אזוי האב איך מיין מלאכה אוועק געלעגט אויף אזייט אין בין איינגעטרעטען אלס דיענער (שמש) אין דער שוהלע לומינא.

אללע דיא נאבעלסטען פאמיליענפעטער פין בוקארעשט האבען טהייל גענעמען אין דער שוהלע לאמינא. מען האט מיר אויך זייער איין שעהנעם סאלאר מאנאטליך געשטעלט אין אויך אנדערע איינקינפטע וואס איך האב געהאט פין דעם פעראיין איך האב דיא מלאכה שוין מעהר ניט געדארפט באניצען; מען האט מיך זייער שעהן אונד ארינטליך בעהאנדעלט אזוי גאר דר. בלומענפעלד האט מיך ברידערליך בעטראכטעט.

דאמאלס האב איך ערשט איין גרויסען קאראזש באקימען פארטצוזעטצען מיין אקטיווע ארבייט פיר בתי מחסה לזקנים איך האב געקבצינט געלד פין אללע זייטען אן אין איין צייט פין 8 חדשים האב איך צוזאמען געבראכט מיין אבליגירטע סוממע פאן טויזענד פראנק אין אינזער קאסע. דאמאלס האב איך געזאגט: מיינע ברידער יעצט האב איך פארפילט מיין שולדיגקייט צו אינזער פעראיין בתי מחסה לזקנים, איך האב מיינע קאטיזאציאן איינגעצאהלט גלייך מיט אייך, איך האב דיא טויזענד פראנק אין אינזער קאסע צוזאמען געבראכט. פין יעצט אהן אין ווייטער זאל שוין איין אנדערעס מיטגליעד געהען איינקאסירען ווייל צו צאהלען איין שמש ער זאל געהען איינקאסירען קען מען נאך ניט.

וייא האבען מיך אבער ניט אבגעלאזט אין האבען מיר צי־ געזאגט 20 פראנק צו געבען פער מאנאט איך זאל האבען אויף געטים אין אלז איך זאל געהען איינקאסירען ביז מען וועט דאס איבער געבען איין אנדערן. דאס איז געוועהן אין 15 פעבער 76

יעטצט וועלין מיר פארשטעלין דעם ערשטען פראצעס ווער־ באל פין 15 פעבער 76 וואס דאס נייע קאמיטעט האט אנגע־ פאנגען צו ארבייטען כדי מיינע ליעבע לעזער זאללען זעהען וויא דיא זאך איז פארגעגאנגען.

## פראצעס ווערבאל נומער 1 פין 15 פעבער 1876

1. עס איז באשלאסען געווארדען איעדען מאנאט איינמאל זיטצונג צו האבען אימער נאך שבת אבענד ביים העררן פרע־ זידענטען צו הויז.

2. עס איז בעשלאסען ווארדען איעדער וואכע זאללען 2 מעמברים ארימגעהען מיט איין בוך אויף צו נעהמען מיטגלידער

3. וויר האבען מיט דעם העררן פסנתיר פער 20 פראנק מאנאטליך צאהלען פיר איינקאסירען געענדעט. (*)

4. העררר וועקסלער אין משה שפילמאן דארפין איבערנעה־ מען דאס געלד פין דעם געוועזענען קאסירער אין איבערגעבען דעם העררן גארפונקעל קאסיער.

5. עס איז געוועהלט געווארין איינע קאמיסיאן וועגען סטא־ טוטען צו מאכען. דיא העררען ריינשטיין, איזרייאלאוויטש, וועקסליר, סאלמאנאוויטש, לאי הירש אין שפילמאן.

---

(*) דעם פראצעס ווערבאל האב איך איבערגעגעבען דעם דר. בלומענפעלד אין דער אנטיק־ קאממער פין ציאנס פעראיין דיענסטאג אבענד 4. נאוועמבער 86‚1 אין וייל ער האט פין מיר געפאדערט דעם פראצעס מיט פארצע האב איך איהם דעם פראצעס איבער געגעבען מיט איין אנמערקונג, אין דאס איז דיא נאטע:

אין 5. יולי 1875 ביז 15. פעבער 76 איז דא מעהר פין 7 חדשים דעמאלס האב איך מיין קאטיזאציאן לונארע גלייך מיט אללע מיטגליעדער איינגעצאהלט אין דארויף האב איך צעטיל געשריעבען פין ר׳ אברהם שלומאוויטש ערשט בייא דער זיטצונג פין 15, פעבער 76 האט מען מיר ציגעזאגט 20 פראנק פער מאנאט פיר איינקאסירען אין אזוי האב איך געארבייט אפאר מאנאט אין איך האב איינגעזעהען אז דאס איינקאסירען געהט זעהר שוואך האב איך דעמיסיא־ נירט. מיינע דעמיסיאן האב איך געגעבען דעם דר. בלומענפעלד אין דיא הענד. אין אזוי האב איך געשריעבען דיא דימיסיע: „איך דימיסיאניר פין איינקאסירען, נאר אינזער פעראיין וועל איך דיע־ נען ביז אין לעצטען טראפען בלוט.‟ אין אזוי האב איך מיין ווארט געהאלטען ביז אין היינטיגען טאג. נא העדר דר. פאר וואס פערזעקוטירט איהר מיך אויף מיין עלטער?

בוקארעסט, 4. נאוועמבער 1886

בשנת ששים ושבע לימי חיי לפ״ק

יעקב פסנתיר.

6. עס איז בעשלאסען איעדען מאנאט אויפריפע צו מאכען אין אללע שילען אז מען זאלל זיך קומען איינשרייבען צום פערר איין.

7. דעם הערקן רינשטיין איז דיא אידעע איינגעפאללען דעם פעראיין צו גרינדען, ער האט זיך מיט ר׳ ליב יאנאוויטש פערר אבערעדעט אין דער זאכע צו ארבייטען. יאנאוויטש האט אויך אברהם משה איזראעלאוויטש צוגעצויגען ווייל ער האט געוויסט אז ער וועט אויך פיר דיעזער אידעע זיין. ווארען דיעזע 3 העררען דיא ערסטען הויפטגרינדער דעם פעראיינס.

## בוקארעסט 15. פעבער 1876

ביא דער זיטצונג איז גראדע יאנאוויטש ניט געוועהן. איך בין יאה געוועהן אין האב צוגעזעהען דיא שארלאטאניע.

עס ווערע מיט רעכט אז מיר זאללען נעמען דיא נאמען פין אללע מיטגליעדער וואס זענין געקימען נאך איגזערע 10 פונדאר־טארען אין מיר זאללען זיא צעהלען ביז 36 פונדאטערע אזוי וויא איך האב זיא פארשפראכען. עס איז אבער ציגעגאנגען איין שווינ־דעל ביא דער ערשטער זיטצונג פין 15. פעבער 76. זייא האבען ביא מיר איבערגענעמען דעם בוך פאן דיא מיטגליעדער וואס זענין געוועהן פארשריעבען איינער נאך דעם אנדערן אין האבען איין נייעס בוך געמאכט אין האבען צים ערשטען געשריעבען דיא ערשטע 10 פונדאטערע, אין נאך דיא 10 האבין זייא געשטעלט זייערע מיוחסים וואס זייא זענין ערשט צי געקימען צום פעראיין איך בין דערבייא געוועהן, נאר איך האב אבער מיר דערפין קיין צימעס געמאכט. איך בין ניט געניט געוועהן אין אזעלעכע חשבונות. ביא מיר איז אללעם רעכט געוועהן, אויב עס וועט הייסען 3 פונדאטערע אדער 30 פונדאטערע. אבער אז איך בין געגאנגען מיט דעם בוך געלד איינקאסירען אין ר׳ יוסף אונגער האט דער־זעהען אז ער איז אראב געריקט פין זיין נומיר 12 ביז נומיר 37 האט ער באלד רעפאזירט דיא איינצאהלונג אין האט זיך אויסגע־שלאסען פין פעראיין. איבער דער האנדלונג האב איך געהאט צי טאהן נאך מיט אפאר מענשען, נאר מיר ווילען זייא דא ניט דערמאנען. איבער דיא 3 פונדאטערע וועלין מיר ערקלעהרין אינזערע לעזער ווייטער אויף איין אנדער פלאטץ.

דא בייא דער זיטצונג האב איך ציגעזעהען דעם ערשטען שווינדעל
וואס מען איז באגאנגען אקעגען דיא ערשטע גריינדער דעם אזילס. מען
האט ערנאנט נאר 3 הויפטגריינדער אין מען האט ציגעריקט אברהם
משה צי דיא 2 וועהרענד ער איז ציגעריפען געווארען דער 10.
ווען ר׳ ליב יאנאוויטש הייסט מיר איהם ניט ריפען וואלט ער
אפילו אינטער דיא ערשטען 10 ניט גערעכינט געוועהן אין איך
בין דאך יאה געוועהן דער ערשטער ארבייטער אינטער דיא גריינ-
דער אין איינער פין דעם ערשטען פראוויזארישען קאמיטעט אזוי
וויא מיינע ליעבע לעזער וועלין זעהען וויטער אין אללע דאקו-
מענטע. איך האב אויף דעם ניט געוואלט פראטעסטירען, איך
האב מיר געטראכט עס וועט שפעטער אין פנקס איינגעטראגען
וועריין איך האב מיך פארלאזט אויף זייער ישרנות אין איך האב
מיך דאס מעהרסטע פערטרויעט אויף דעם דר. בלומענפעלד
איך האב געגלויבט אז זייא העלין זעהין מיינע אקטיווע ארבייט
וועלין זייא מיך געווים שעצען אין מען וועט מיין פעלץ געווים
קיין אנדערן אוועק געבען. איך האב מיר פארטגעזעצט מיין אר-
בייט אין האב אהן געהויבען ארים צו געהין איינקאסירען. דיא
קלענערע סוממען האב איך איבערגעגעבען יאזעף וועקסלער, אונד
דיא גרעסערע סוממען האב איך איבער געגעבען ר׳ אברהם נאר-
פונקעל.

דאס איינקאסירען האט אבער ניט לאנג געקענט דויערן נאר
איין פאר מאנאט ווייל דיא צייט האט אהן געהויבען טולבער צי
וועריין אין דער רוסיש- טירקישע קריעג האט אנגעפאנגען איין
גרויסען לערם צי שלאגען אין דיא וועלט איז צימישט געווארען
איז דיא איינצאהלונג זעהר שוואך ציגעגאנגען. איך האב איינגע-
זעהען אז איך מיז דאס איינקאסירען אויף איינגע צייטען אבלאזין
אזוי האב איך געשריעבען זיינע דימיסיע אין האב זייא געגעבען
דעם דר. בלומענפעלד אין דיא הענד אריין, אין אזוי האב איך
געשריעבען: איך דימיסיאניר פין איינקאסירען, נאר אינזער פער-
איין בתי מחסה לזקנים וועל איך דינין ביז אין לעצטען טראפען
בליט

אין איין פאר וואכען ארים באגעגען איך דען הר. בלומענ-
פעלד זאגט ער צו מיר, הערר פסנתר ריפען זיא צו מיר דאס קא-

מיטעט אויף דען 9. מאי וועלין מיר איין זיטצונג אבהאלטען: אין איך האב אייניגע מיטגליעדער צוזאממענגעבראכט אין מען האט איינע שעהנע זיטצונג אבגעהאלטען. אין דעם פראצעס נומיר 4 פין 9. מאי 76 ערקלערט דר. בלומענפעלד אז מיט דער מא־דאמע רויזענצווייג איז נאך גאר ניט צו טאהן. ר׳ וואלף מיכאלאוויטש זאגט אז ער האט געשפראכען מיט דער מאדאמע ראזענצווייג אין דיא האט פארשפראכען צו געבען דיא 500 רענדליך אז מען וועט איין פלאטץ קויפען. (*)

ר׳ יוסף וועקסלער לעגט פאר דיא רעכנונג דעם העררן א. גאר-פונקעל פון איין קליינער סומע. העדר שלומאוויטש ברענגט איינע אנמערקונג איבער דיא סטאטוטען.

בא דער זיטצונג האב איך ערקלערט אז איך וועל אללעם טוהן לטובת הפעראיין. איך וועל אויך צו ביסליך געהין איינקאַ־סירען, נאר אבלינירט דערצו ווילל איך ניט זיין. אין אזוי האבען מיר דאס פעראיין דאנן אונד וואנן אויפגעמינטערט. אין מאנאט יוני האבען מיר ווידער איינע זיטצונג צוזאממענגעבראכט.

אין דעם פראצעס ווערבאל נומיר 5 פין 27. יוני 76 ווערט גע־שפראכען איבער דיא סטאטוטען אין עס ווערט געשלאסען דורך דעם פרעזידענטען אין וויצע־פרעזידענטען צו ארדאנירען.

## פראצעס ווערבאל נומיר 6 פאן 14. נאוועמבער 76

דא ווערט פארגעלעגט דיא סטאטוטען יודיש אונד וואלאכיש אין דיא אויסגאבע וואס דיא דרוקסארטען קאסטען אין עס זאלל פארקויפט ווערין 25 סאנטים אשטיק אין עס ווערט באשלאסען אז מען זאלל דעם ערשטען פראצעס ווערבאל דריקען לאזען אין אויך אין דעם מאנאט יענער 77 איינע גענעראלפערזאממלונג מאכען.

אין אזוי האב איך צו געבראכט מיט גרויסער מיהע אין שווירינקייט דאס יאהר 76 איך האב נאך איין וועניג איינקאסירט ביז אין ענדע דעם יאהרעס 76. דער רוסישער קריעג האט אבער איינגעטראפען דיא וועלט איז גאנץ פארמישט געווארין. אין חודש

(*) ביז מען האט ניט געקויפט דאס פלאטץ האט דיא מאדאמע ראזענצווייג קיין קרייצער געוואלט געבען אזוי וויא מען וועט זעהין אין דיא פראצעסע ווערבאלע ביז אין יאהר 79.

רעצעמבער 76 קים איך צו אינזער קאסירער ר׳ אברהם גארפונ־קעל מיט עטליכע פראנקען וואס איך האב נאך דעמאלס אויס־געקבצינט און וויל זיא איהם געבען זאגט ער צו מיר, הערר פסנתר נעמט זיא דאס גאנצע פעראיינסגעלד פון מיר צו און גע־בען זיא דאס וועמין זיא וואללען און וועגן ניט געב איך דאס איבער צו ר׳ נתנאל מארקום. וויא איך האב דאס געהערט האב איך שוין פארשטאנען אז ער קאן דאס געלד שוין מעהר ניט האלטען דעמאלס בין איך געראפען צום דר. אום איין עצה צו האלטען. וואס צו טאהן איז.

אזוי האט מיר דער דר. געזאגט הערר פסנתר טוהן זיא אין מיינעם נאמען וואס זיא פערשטעהען. ווייל איך האב קיין צייט דערמיט זיך אב צו געבען. אזוי האב איך געשריעבען איין צירקולאר אן דיא קאמיטע־מיטגליעדער אז זייא זאללען מיינע פראַ־פאגערע צו שטימען. מיינע פראפאגערע איז געוועהן אז ר׳ וואלף מיכאלאוויטש זאלל זיין פראוויזארישער קאסירער ביז צו דער גע־נעראל־פערזאממלונג אין דאמאלס זאלל מען וועהלען איין קא־סירער דעפיניטיף און דאס געלד פון העררן גארפונקעל זאלל מען איהם איבער געבען און איך האב דאס צירקולאר אונטערשריעבען פיר דר. בלומענפעלד.

אזוי בין איך ארים געגאנגען פון איינים צים אנדערן און איין יעדער האט אונטער געשריעבען.

דאס צירקולאר מיט דיא אונטערשריפטען האב איך פובלי־צירט אין היועץ נומ׳ 846 פון 13. אויגוסט 1886. און דאס איז דיא פובליקאציאן:

מיינע ברידער!

נאך דעם וואס הערר גארפונקעל האט מיר דעקלארירט דיא פאריגע וואכע אז ער קאן ניט האלטען דאס געלד בייא זיך ער וויל דאס איבערגעבען צו ר׳ נתנאל מארקום, אזוי איז מיין עצה אז מיר זאלען וועהלען ר׳ וואלף מיכאלאוויטש פיר פראוויזארישען קאסיער ביז צו דער גענעראל־פערזאממלונג דארום בעט איך אז זיא זאלען אויך מיטשטימען און אונטערשרייבען איהרע מיינונג דערצו.

יעקב פסנתר, פיר דר. בלומענפעלד.

אזוי וויא הערר פסנתר זאגט אז הערר גארפונקעל וויל מעהר דאס געלד ניט האלטען בייא זיך, בין איך בייא דער מיינונג וויא הערר פסנתר, אז מען זאל דאס געלד איבערגעבען ביז צו דער גענעראל־פערזאמלונג צו ווילוויל מיכאלאוויטש.

אנשל ריינשטיין.

אברהם שלומאוויטש, איך בין אויך בייא דער מיינונג — נפתלי פאפפער, איך שטימע דערצו — ליב יאנאוויטש, נאר מיכא־לאוויטש זאלל זיין קאסירער — שמואל רויזען, איך בין דערבייא — משה שפילמאן, מיר געפעלט דאס אויך — יוסף סאלמא־נאוויטש, איך געבע דאס אויך צו.

דאס באשטימונג פון דיא הערען נעהם איך אהן פראוויזאריש נאר ביז מען וועט וועהלען איין קאסירער.

וואלף מיכאלאוויטש.

אלע מיטגליעדער האבען מיר זייער שטימע צו געגעבען נאר ר׳ אברהם משה איז ניט באשטאנין דערצו ווייל ער האט געוואלט אז יאזעף וועקסלער זאל זיין קאסירער דארום איז זיין חתימה נישטא דא.

איך האב ניט געשפארט מיינע פיס אין בין געלאפען פאן איינעם צום אנדערן אונטערשרייבען מיין פראיעקט אום כדי דאס פעראיין זאל ניט פאלען איך האב ח״ו קיין געלד דאפיר גענעהמען.

אין ווער עס וויל זעהען זיין נאמען אריגינאל אויף דעם ארטען דאקומענט זאל ער זיך אדרעסירען צו מיר וועל איך איהם באלד ציינען.

יעקב פסנתר.

ר׳ אברהם גארפונקעל האט פונקציאנירט אלס קאסיער 12 מאנאט פון יענער 76 ביז דעצעמבער 76. דעמאלס האט ער איבער געגעבען דיא קאסע דעם פראוויזארישען קאסיער ר׳ וואלף מיכא־לאוויטש. דיא קאסע איז באשטאנין אויס 1156 פראנק אין וועקסיל, איינס אויף 6 רענדליך, איינס אויף 23 אלטע טאלער אין איינס אויף 124 אלטע טאלער.

דאס יאהר 77 איז ניט גליקליך איינגעטרעטען בייא אונז אין בוקארעשט. דיא רוסען האבען באלאגערט דיא דאנויא. דאס שרעקליכע דאננערן פון דיא רוסישע קאנאנען האבען זיך געלאזט

הערין. די טירקישע קאנאנען האבען אויך ניט געשוויגען אין האבען געענפערט מיט עזות. די וועלט האט אהן געהויבען צו נערוען זעק זייא זאלען דאס רוסישע געלד ארײן שארין. ווענין איז דעמאלס אין זינין געוועהין דאס פעראיין בתי מחסה לזקנים. מיט דעם אלימען האב איך ניט פארגעסין איז מיין פליכט אין בין ארויף געגאנגען צום דר. אין האב איהם געפרעגט וואס איז צו טאהן? זאגט ער, מיר וועלין איינע זיטצונג צוזאמענריפען אין מיר וועלין זיך בעראטען וואס צו טאהן איז. אין חודש פעבער דיעזעס יאהרס האב איך ריכטיג איינינע מיטגליעדער צוזאממענגעבראכט אין מען האט איין זיטצונג אבגעהאלטען. ביי דער זיטצונג ערקלערט דר. בלומענפעלד דיעזעווארטע, אין אזוי זאגט ער:

דיעזעס מיינע הערען איז דער אינהאלט. דאס פראטאקאל וועלבעס אין די זיטצונגען דעס פערפלאסענען יאהרעס נאטירט ווארדע. דער קאסיער ר׳ אברהם גארפונקעל האט אין לויפע דעס פערגאנגענען יאהרעס דימיסיאנירט, אזוי ווארדע ר׳ וואלף מיכאלאוויטש אלס פראוויזארישער קאסיער ערנאנט הערר יעקב פסנתר האט אויך שוין דאס פערגאנגענע יאהר דימיסיאנירט ער האט ערקלערט דאס ער מיט דעם אינקאססע דעם געלדעס פאן דען מיטגליעדערן זיך ניט מעהר בעפאסען קען, נאר מיטארבייטער מיט אינז בייזאממען וועט ער איממער בלייבען.

נאך דער זיטצונג וואס מיר האבען אבגעהאלטען אין חודש פעבער 77 איז אינזער פעראיין בתי מחסה לזקנים אפיסיל איינגעשלאפען ווייל דאס רוסישע מיליטער איז שוין איינגעטרעטען אין לאנד ארײן איז די וועלט נאך מעהר צו מישט געווארען אין איך האב שוין זייער פיעל צו טאהן געהאט מיט דעם ציון פעראיין עס האבען זיך אהן געהויבען צו בילדען קאמיטעטען אז מען זאל הילפע געבען די רומענער צו דעם טירקישען קריעג. מען האט געמאכט די צוזאממענקינפטע אין דער גרויסער סאלע באראשעאום פין דער קינדערשוהלע, אין ציונס קאמיטעט מיט זייער פרעזעדענט הערין אדאלף וויינבערג אן דער שפיצע האבען ארויסגינעבין אפעלליען אויף דעם גאנצען לאנד אז איעדער יוד זאל מיטשטייערן מיט וויא פיעל ער קען, אין ווער עס וויל זיך צו שרייבען אלס וואלונטאר זאל זיך צו זייא מעלדען.

מען האט אנגעפאנגען צו זאמלין געלד מען זאל שטיצען די רומענער מיט געוועהר און מיט בהמות מען האט צוזאמענגענומען אלערלייא אפראנדים וואס צו איין מלחמה געהערט, עס האט בעז זיך געבילדעט איף דעם גאנצען לאנד ראמען קאמיטעטען וועגען אפראנדעס צוזאמען צו נעמען. די שפאניאלישע געמיינדע אין בוקארעשט האט אויך געבילדעט קאמיטעטען וועגען דעם צוועק. דאס יאסיער קאמיטעט האט געמאכט איין שפיטאהל אין טורנע מאגארעלע פין 20 בעטען, אינטער דער ליימונג פאן די געבריעדער אפאטהעקארס פריעדמאן. העררר גאלדענטהאל אין יאסי האט מנדר געוועהן זיין הויז פיר איין שפיטאהל פיר די רומענישע סאלדאטען. גאלאצער יודען האבען אבגעטהיילט 24 בעטען אין זייער שפיטאהל פיר די רומענער. ציונס פעראיין האט בען געמאכט איינע אמבאלאנצע און צוגעריבטעט צו דעם קריעג. די אמבאלאנצע איז באשטאנין אויס 5 גרויסע וועגען מיט צו 4 פערד, מען זאל פיהרען די רומענישע ראניטע סאלדאטען מיט זייערע קארטען. עס איז געוועהן פארבערייטעט איינע שפיצעריע מיט אללע נויטווענדיקע מעדיקאמענטע.

2 דאקטוירים, 1 דאקטאר אלעקסאנדער קאטשיא. מעדיק שעף, איין שפאניאלישער יוד געבוירען אין בוקארעשט, דער צוויי־טער האקטאר י. לעבעל, 14 סטודענטען וואס זיא האבען באדיענט די אמבולאנץ: 1 דר. ערדרייך, 2 דר. יאסלאוויטש, 3 דר. טאבטין, 4 דר. וויינבערג (וויאנא) 5 דר. וועסטפריד, 6 דר. צאריך, 7 דר. יארבי, 8 מארין זייל שפיצער, 9 מאקס גאלדענבערג, 10 יאזעף עמאנועל, 11 איגנאץ פרידמאן, 12 האסאן, געשטארבען אין טורנו מאגורעלע. 13 באראש געשטארבען נאך דעם קריעג. 14 דר. אזיעל, געשטארבען נאך דעם קריעג אין פלאיעשט. די 16 יודען, פוילישע און שפאניאלען גימישט, האבין באדיענט די אמבולאנץ 10 חדשים וויפיעל דער קריעג האט גידויערט. זיא זענין אוועק געגאנגען צום קריעגספעלד 2 יוני 77 און זענין ערשט צוריקגעקוממען אים אפריל 1878. די אונטערשטיצונג פין געוועהר בהמות און אמבולאנץ האט געקאסט אפראקסימאטיוו איבער די הונדערט טויזענד פראנק. אחוץ די אמבולאנץ האט ציונס קאמיטעט אויסגעהאלטען אין טורנו מאגורעלע איין שפיטאל

פין 20 בעטען מיינע ליעבע לעזער זאללען זעהן, דיא אפיציעללע דאנקאדרעססע וואס דער דיוויזיאנסקאמאנדאנט האט געשיקט דעם ציונס־פרעזידענטען הערין אראלף וויינבערג איז איין פערגני־גען צו לעזען.

אויסער דיא יודישע שטודענטען וואס זענין געוועהן בייא ציונ״ס אמבולאנין האבען זיך צוגעשריבען מעהרערע יודישע סטודענטען צי דער אמבולאנץ פין דעם רויטען קרייץ, אין אגוא־רול פין 78 זענין זייא אללע אויסגערעכינט בייא דיא נעמין.

אין דעם טאג וואס דיא אמבולאנין האבען געדארפט אוועק־געהען צום קריעגספעלד האבען זייא דעפילירט פאר דעם קעניגס־פאאר, דיא קעניגין איז געשטאנין אויף דיא טרעפ פין דעם מוזעאום אינ דיא קאמיסיאן פין ציון מיט זייער פרעזידענט א. וויינבערג זענין געשטאנען אקעגען דער קעניגין אינ הערר וויינבערג האט מיט איהר געשפראכען אינ האט פארגעשטעללט דיא אמבולאנץ. אין דעם מאמענט איז אנגעקיממען איין מיידיל פין 8 יאהר (קריסטין) מיט איין פעטיציע אין דיא הענד אינ איז גיפאללען אויף דיא קניע פאר דער קעניגין אינ האט אנגעפאנגען צו וויינען אינ האט גיזאגט זיא האט ניט קיין פאטער אינ מוטער זיא האט ניט וויא איבערצו־נעכטיגען אין האט איהר דיא פעטיציע איבערגיגעבין אינ איידער ד א קעניגין האט געענפערט האט הערר א. וויינבערג גיזאגט אז ער שענקט אויף דעם קינד 600 פראנק. איך בין גראדע דערבייא געשטאנען. מען האט דאס קינד באלד אבגעפיהרט אין דער פריי־מאריע ארייז מען זאל זיא דארט פארזארגען. דיא אמבולאנין האר־בען דיפילירט אינ זענין אוועקגיגאנגין.

אבער אונזערע יודליך האבין ניט געשוויגען אינ עס האט אנ־גיהויבען צי שיטען אפראנדעס פין אלע זייטען כחול על שפת הים. פין דער מאלדאווע פין שטעט אינ דערפער וויא עס האט זיך נאר איוד געפינען האט ער זיך גילאזט הערין מיט זיין צדקה. איין ארימע יודענע האט געהאט איין צווירען־העמד האט זיא דאס אוועקגעגעבין אפראנדע וועגין סקאמע פיר דיא ראניטע סאלדאטען. איך האב איינגיזעהין אז דאס איז איין וויכטיג אקטענשטיק פאר אונז יודען אויף דיא שפעטערע צייטען, דאס מיר יודען האבין בא איין קריטישער לאגע אייז פאטריאטיש געפיהל געצייגט פאר דיא

רומענער. איך האב דיא צייט ניט פארזוימט אונ האב באלד אנ־
געפאנגען צוזאממען ציקלויבען דיא אפראנדעס וויאפיעל איך האב
געקענט ערפאהרען פון דיא מענשען וואס זייא האבין גיגעבין. אונ
אויסער דיא אפראנדעס האב איך אנגעפאנגען ארויסצישרייבען פון
דיא צייטונגען, וויא פיעל גאזעטען עס זענין ערשיענען און יענער
צייט אללע טאג וואכישע, האב איך זייא אללע געלעזען אונ
ארויסגעשריבען דיא אפראנדעס, איעדעס מיט זיין דאטום אונ מיט
זיין צייט אונ וואס פאר איינע אביעקטען איעדער האט געגעבען.
איך האב איינע גרויסע מאססע נאטיצען פון אזוי איין גאטונג צו־
זאממענגעקליבען. אין איין קורצער צייט האב איך דאס אזוי וויים
געבראכט דאס דיא געסט פון דיא קאפעעהייזער האבען אקעגען
מיר פראטעסטירט אז דורך מיר קענין זייא קיין צייטונג לעזען,
וויל איך האלט דיא צייטונגען זעהר פיעלע שטונדען. אזוי האט
מען מיר אבגעזאגט דאס לעזען.

איך האב גיזעהין אז איך קען מיין וואונש ניט דורכזעצען אזוי
האב איך מיין פראיעקט פארגיגעבין אין ציון־פעראיין, דר. שטערן
האט דאס אנגינעמין אונ האט אויטאריזירט דר. עליאס שווארצ־
פעלד ער זאל דאס ענדיגען. איך האב זייא מיינע געזאממעלטע
נאטיצען איבערגיגעבין. וויא עס איז איבערגיאנגין א קורצע צייט
האב איך גיזעהין אז דיא ארבייט געהט שווער, מען טיהט גאר
ניט. האב איך מיינע נאטיצען צוריקגינעמין אונ האב זייא איבער־
גיגעבין ר' ישראל ראפאפארט, סעקרעטער דער אליאנצא איזראע־
ליטע צו ביקארשט אונ דער האט דאס שוין געענדיגט. וויא אזוי
ער האט גיטאהן אונ וואס ער האט גיטאהן ווייס איך ניט. עס
האט מיך אפילו גענוג גיערגערט פאר וואס איך האב דאס ניט
גיקאנט אליין אויספיהרען. דיא אפראנדעס וואס יודען האבין גע־
שענקט צו דעם קריעג איז אונמעגליך צו שרייבען, אז דיא רומע־
נישע צייטונגען האבין געשילדערט אויף דיא רייכע בולגארען וואס
וואהנען אין רומעניען, זייא זענין אריבערגעקימען פון בולגאריען ארים
אין אפינקים אונ האבין אין רומעניען געמאכט אגרויס פערמעגען
אונ צו דעם קריעג האבין גאר ווייניג צוגעהאלפין. נאר אבער וויא
איך האב נאכגעזעהען אין דער צייט פון דעם קריעג האבען דיא
בולגארען יא מיטגעהאלפען, מען איז ניט גישטאנין פון וויטען מיט

דיא הענד פארלענגט, עס זענען זיך צוזאמענגעקומען פון בול-
גאריען, מאקעדאניען פון אללע זייטען פון דיא טירקישע פראווינ-
צען, אויך פון באסאראביען און מען האט געמאכט איין ארמעע
פון 24 טויזענד וואלענטארען פון אלערליי מיני נאציאנען אונטער
דעם קאמאנדא פון געגעראל גורקא און צו דער ארמעע האבען
דיא בולגארען מיטגעהאלפען. איך האב דאמאלס גירעדט מיט איי-
נינע פארמעגליכע בולגארען וואס איך האב מיך פאר זייא באריהמט
מיט דער שטיצע פון יורען צו דעם רומעניש-טירקישען קריעג.
האבען זייא מיר געזאגט אז פון דיא בולגארען ווערט געשטיצט
דיא ארמעע וואלינטארען. און איך האב זייא איבערצייגט און דיא
בלעטער אז יודען געהען אויך אויף דע קריעגספלאטץ מיט דעם
געוועהר און דיא הענד און אפראנדעס און געלד און אביעקטען
וועגען דעם קריעג איז עקסטיר. און אזוי פלעג איך אללע טאג
האבען דיסקורסען מיט פערשיעדענע אנטיסעמיטען.

מיט דיא אפראנדעס בין איך שוין פערטיג געווארין אבער מיט
מיינע יודישע קראנקעס בין איך נאך ניט פערטיג געווארין. איך
האב פארשטאנען אז נאך דער שלאכט וועט קימען צו איין קאנ-
פערענץ. וואס וועלן מיינע יודישע קראניקים ווירקען אז מען קאן
דעם ושארגאקנים פארשטעהען. איך מוז יעצט לאזען איבערזעצין
אין דייטשען מיין מאנוסקריפט וואס איך האב צוריקגענעמין פון דר.
הירש און וועל דאס יעצט פובליצירען. דאמיט איטדער געבילדע-
טער מאנן זאלל דאס קענען לעזען, אפשר וועט דאס איין לעבט
ברענגין צו דער הילפע דער רומענישען יודען איך האב נישט פאר-
זוימט דיא צייט און ה' אדאלף וויצענבערג האט דאס איבערזעצט
אין דייטשען און איך האב דאס געדרוקט מיט מיינע שפעזען אז
בין אין מאנאט נאוועמבער 77 אין דאס פערטיג ערשיענען. איך
האב דאס באלד צישיקט אויף גאנץ איירופא און אויך קיין אמע-
ריקא און דיא חכמי הדור האבין אין דעם „מזכרת ציון" גירעדין
און האבין געוויסט צו ענפערין דיא שונאי ישראל מיט גרינדליכע
דאקומענטע אז יודען זענין שוין לאנג גיוועסין אין רומעניען נאך
פריהער פאר דיא רעמער, ווען טיאנוס קעסאר האט אבגענעמען
דיא לענדער דאטשיא אים יאהרע 106 נאך קריסטי האט ער שוין
געפינען יודען. אויך אין דער רומענישער קאמער איז ציטירט גע-

ווארין מיין „מזכרת ציון", אזוי וויא מיינע ליעבע לעזער וועלען דאס זעהען דייטליך אראפ ווייטער. אין יאהרע 79, דא איז קיין פלאטץ דערפין צי רעדען. אויך דר. בלונטשליא Dr. Bluntschli האט געשריבען איין בראשורע „Situaţiunea juridică a Evreilor in România" האט ער געשעפט פין מיין „מזכרת ציון", ווארין איך האב אהין געשיקט קיין בערלין 50 שטיק עקסעמפלארע מען זאל פארטהיילען אן דיא פראפעסארען פין דיא אוניווערזיטעטען

אין קורצען מיין „מזכרת ציון" האט איין גרויסען איינדרוק געמאכט אונטער דער געבילדעטער וועלט איך האב שוין אביסעל נחת רוח גיהאט או איך האב גיהערט פין מיין דייטשען בוך וויא עס קלינגט אויף דער וועלט. זה היה חלקי ועמלי אשר עמלתי בו זה כמה שנים.

איין גרויס פערגניגען האב איך גיהאט אים יאהרע 78 מיט מיין „מזכרת ציון" וייל עס האט פערטהיידיגט דיא יודענפראגע אין רומעניען. פין דער אנדערער זייט האב איך געהאט גרויסע יסורים פין דיא מיטגלידער פין „בתי מחסה לזקנים" דיא וואס איך האב ביי זייא גינעמען געלד פיר דיעזען צוועק. זייא האבען מיך ניט געלאזט דיא גאס דורכגעהען. זייא האבען מיך גיפרעגט: הערר פסנתר וואס טיהט איהר מיט אונזער געלד וואס איהר האט צוזאממענגינעמען. בין איך גילאפען צו ר" וואלף מיכאלאוויטש אונ האב איהם גיפרעגט וואס טיהט מען. מען לאזט מיך ניט דיא גאס דורכגעהן האט ר' וואלף גיזאגט נעמט אייך דאס געלד ביא מיר צו איך קאן דאס ניט מעהר בייא מיר האלטען. אזוי בין איך גילאפען צו דר. בלומענפעלד אונ האב איהם גיזאגט: דר. מען לאזט מיך ניט דיא גאס דורכגעהן אונ מיכאלאוויטש וויל דאס געלד ניט האלטען עס וואלט גלייך גיוועזן אז דער הערר דר. אין מיכאלאוויטש זאלט אייך ביידע אפגעבין מיט דער מצוה אונ קויפען איין קליין שטיקעלע ערד אדער איהר זאלט אבלעגען בוימאטעריאל אויף דעם שפיטאלספלאטץ אונ אזוי לאנגזאם וועלין מיר צי ווערקע געהען. איהר דר. בלומענפעלד אונ איהר ר' וואלף מיכאלאוויטש זאלט זאגין נגד ד' ונגד משיחו. איז דאס ניט אמת וואס איך שרייב דא אז איך האב ניט גערוהט אונ בין גילאפען 3 מאל אין טאג צו אייך אונ פון אייך צום דר. אונ האב אייך אויך ניט גילאזט רוהען אונ

האב גיזאגט. טיהט אינ גאט וועט אונז העלפין*). איך האב זייא ניט גילאזט ריהען ווייל איך האב איינגעזעהן אז דיא מלחמה איז שוין געשטילט גיווארין איעדער קימט אהיים אויף זיין ארט, האט האט גידויערט אגאנצען זימער ביז דיא וועלט איז אביסעל רוהיג גיווארין**). נאך ימים טובים אין חודש נאוועמבער האב איך איין זיטצונג צוזאממענגערופען. אין דער זיטצונג פין 2 נאוועמבר לויטעט דער פראטאקאל, אז מען זאל קויפען איין קליין הייזיל מיט איין שטיקיל פלאטץ אין מען וועהלט אויס איינע קאמיססיאן פין 2 מענשען, ר׳ יוסיל סאלמאנאוויטש אין ר׳ וואלף מיכאלאוויטש אז דער מעקלער וועט געפינען אזוי איין פלאטץ מיט איין הייזיל זאלין זייא דאס זעהין אין צו דער קינפטיגער זיצונג איין ראפארט ברענגען.

בייא דער 2טער זיטצונג פין 18 נאוועמבער 78 ווערט איין ראפארט גיגעבין אז מען האט גיזעהין דאס הייזיל וואס דער מעקליר האט אנגעצייגט אונ עס ווערט בעשלאססען אז מען זאל דאס הויז קויפען. אויך בא דער זיטצונג איז געשפראכען גיווארין אז מען זאל איין בריעף שרייבען צו דער מאדאם ראזענצווייג אונ מען זאל פין איהר פערלאנגען דיא קאנדיציאן וואס זיא פערלאנגט פין דעם קאמיטע פאר דעם וואס זיא וועט געבין דאס געלד וועגין דעם בויא. דער ערשטער ענפער איז גיוועהן אז זיא וועט קיין געלד געבין ביז מען וועט ניט איין פלאטץ קויפען.

אין אנפאנג דעם יאהרעס 79 האט מען גיקויפט דאס פלאטץ פין סטראדא קאטיטע נומער 7 פאר 2500 פראנק, דיא ברייט פין דעם פלאטץ צו דער גאס סטר. קאטיטע האט געהאלטען 25 מעטער דיא טיעפע אריין אינווייניג איז גיוועהן 34 מעטער אונ אויף דעם פלאטץ איז גיוועהן איין אלט הייזיל אין ארים ביימער פין אלערליי פירות אזוי וויא איין גידעכט וואלד. אין דער קאססע איז אבער ניט גיוועהן אזוי פיעל געלד צום בעצאהלען דאס פלאטץ.

---

*) איך ואלט גינעמין ר׳ גדליה ברייער פאר עדות ער זאל מיר אויך צו שטימען אז איך זאג אמת, נאר אבער ער איז פסול לעדות ווייל ער האט נאך דעמאלס ניט גיחלומט דיא דרייא ווערטער ,בתי מחסה לזקנים׳ אין ער וועט נאך דארט זיין איין משגיח איבער דיא אלטע נפשות וואס זייא וועלין זיך דארט זייער עלטער צוברענגען.

**) אין דער צייט איז אויך גיוועזן דער קאנגרעס אין בערלין אין איעדער יוד האט גיהאפט אין האט ארויסגעקוקט אויף דער צייט אז ער זאל אויך באקומען אשטיקעל פרייע לופט אין רוהיגעין

אזוי האט מען בא דער זיטצונג פין 6 פעבער 79 בעשטיממט אז מען זאל געהן זאממלען געלד כדי מען זאל קענין בעצאהלען דאס שטיקיל פלאטין אינ אזוי איז אין דער ארדנונג געשטעלט געווארין אז איעדען טאג זאלין געהן צווייא מענשען פין דעם קאמיטעט. איין טאג זאל געהן ר׳ יוסיל סאלמאנוויטש, קרייאווער, מיט אברהם משה איזראעלאוויטש. ר׳ ליב יאנאוויטש מיט ר״ אנשיל ריינשטיין; ר׳ וואלף מיכאלאוויטש מיט ר׳ שמואל רויזען. אויך האט מען געבעטען העררן דר. בעק אז ער ווערט איין רעדע האלטען זאל ער רעדען לטובת הפעראיין, אויך זאל מען דעם מעקלער צאהלען ווען דיא פאפירען וועלין ארויס פין דעם טריבונאל. גראדע דעם אנדערן טאג פין דער זיטצונג האט מען שוין אנגיהויבין צו געהין געלד זאמלין אללע טאג אנדערע צווייא מענשען. אין איניגע טאגע האבין זייא צוזאממענגעבראכט איינע סומע פין 265 פראנק, מען זאל זעהין אין דער גאנצער ליסטע פין דיא מענשען וואס זייא האבין מיטגעשטייערט וועגען דעם פלאטין צו בעצאהלען פיגורירען נאר 2 מענשין פין אונזער קאמיטע וואס האבין אויך מיטגעשטייערט מיט עטליכע פראנק, ר׳ שמואל רויזען מיט 10, ר׳ ליב יאנאוויטש מיט 18 אין ר׳ גדליה ברייער, חאטשי ער איז דעמאלס ניט גיוועהן אין קאמיטעט פיגורירט ער אויך מיט 4 פר. (זעה אין ערשטען ראפארט פין יאהר 81) מען האט בעצאהלט דאס שטיקעל פלאטין אינ מען האט אנגעפאנגען צו האנדלען מיט דער מאדאם ראזענצווייג זיא זאל געבין פארים אז מען זאל בויען הייזער אויף דעם פלאטין וואס מען האט גיקויפט אינ אזוי האט מען אגאנצען ווינטער לאנגזאם צוגעארביט אינ איך מיט זייא באזאמען. איך האב געטריי געדיענט דעם פעראיין שלא על מנת לקבל פרס, איך האב אויך געמיינט אז מיין נאמען זאל אין פנקס דערמאנט ווערין צוגלייך מיט דיא ערשטע ארביטער, איך האב ניט געוויסט אז דיא מענשען וואס מיר ערשטע גרינדער האבין זייא אריינגינעמין אינ מיר האבין זייא דיא שווערד גיגעבין אין דיא הענד אריין דיזעלבע וועלין זיך מיט אונז שעמען אינ וועלין אונז גענצליך פערשטויסען פין אונזער מיה אינ פארלייקענין אונזער ארבייט כדי זייא זאללען אונזער פעלין אויף זייערע שווארצע לייבער ארויפציהען.

אין דיא צייטען איז אויך שוין גיוועהן נאך דעם קאנגרעס פין

בערלין אין דארט האט מען אביסעל בעפרייט יודען אין מעהרערע לענדער אזוי ווייא בולגאריען און סערביען. נאר די רומענער האט מען געהאלטען במשכון די אינדעפענדענצע. מען וועט ניט אנערקענען די אינדעפענדענצע ביז מען וועט ניט געבין די יודען די פרייהייט. אזוי איז די רומענישע קאממער געצווינגען געוועזען אז מען זאל ציזאממענריפען איינע קאנסטיטואנטע אז מען זאל דעם ארטיקעל 7 פין זייער קאנסטיטוציאן וועקסלען. דאס האט די רומענער ניט געשמעקט, האבען זייא געזיכט מיטטעל אויף וואס פאר איין ארט מען זאל די יודען עמאנציפירען. מען האט זייער שטארק געשילדערט אין דער קאממער אויף יודען. מען זאל נאר לייענען די אלע וואלאכישע צייטונגען פין דעם יאהר 79 וועט מען זעהן אין וואס פאר איין לאגע יודען זענין דאמאלס געשטאנען. די קאממער האט געזאגט אז אללע יודען אויף איינמאהל צי געבען די פרייהייט קאנפינירט זייא ניט. ווייל יודען זענין זייער אסך. וואזשע דענן איז צו טוהן, מען מיז געבין די פרייהייט נאר אזעלכע וואס זייא האבין זיך פארדיענט אין האבין איין ווערטה דאצי. אויף דער ארט האט דאס מיניסטעריום אויסגעארבייט איין פראיעקט מיט איין פראפאנירע אין דער קאממער אריין אין האט געצייגט איינע ליסטע וואס פאר איינע מענשען האבין די ווערטה אז מען זאל זייא געבין די פרייהייט אין דאס מיניסטעריום האט פערלאנגט אז די קאממער זאל דעם פראיעקט וואטירען. אין דער ליסטע איז פראפאנירט געווארין 1084 מענשען וואס די קאממער זאל וואטירען זייער פרייהייט. די מענשען וואס די רעגירונג האט פערלאנגט זייער פרייהייט איז גיטהיילט געווארין אין 6 קאטעגאריען. אין איעדער קאטעגאריע האט אנגעצייגט די מענשען אין האט געזאגט פאר וואס עס קימט איהם די טשעטעצעניע אין פאר וואס ער האט זיא פארדיענט. אזוי וועלין מיר דא נאר 2 קאטעגאריען פארשטעללען די ערשטע אין די לעצטע ווייל עס איז דא קיין פלאטץ פין אללע צו רעדין.

די ערשטע קאטעגאריע האט פארגעשטעלט איינע ליסטע פין די אללע יודען וואס זענין געוועהן אין דעם טירקישען קריעג די זאלל מען געבין די פרייהייט. די 6טע האט פארגעשטעללט איין ליסטע בייא די נעהמען אללע די וואס האבין געשריעבען

ביכער. אונטער דיא בין איך אויך געוועהן איינער, אין אז דיא 6טע
קאטעגאריע איז געקיממען אויף טאפעט אין דער קאמער פין 26
סעפטעמבער 79 וויא פארשטעהט איהר מיינע ליעבע לעזער, עס
האט זיך א גרויס פייער אנגעצינדען אונטער דיא דעפוטירטע. א
יעדער האט זיך זיינע געדאנקען אויסגעשפראכען איבער דיא 6טע
קאטעגאריע. איין דעפוטירטער האט גיגעבין צי פארשטעהן אז א־
זעלכע וואס האבין געשריבען ביכער אין פרעמדע שפראכען וואס
מיר פארשטעהן נים קען מען איהם נים געבען דיא פרייהייט. אין
דער ליסטע פיגורירט איינער יעקב פסנתר וואס ער האט גישריע־
בען ביכער אין פאלנישען זשארגאן וואס מיר פארשטעהן גאר נים
אינ האט געשריבען א בוך „מזכרת ציון" אין דייטשער שפראכע
אז דער פראפעסאר דר. בלונטשלי*) זאל האבין פין וואנין צי שעפין
אז ער זאל שרייבען דיא „סיטואציאנע זשורידיקא א עווריאילאר
אין רומאניע", אזעלכע זאלען מיר געבין דיא פרייהייט? נאר
דיא וואס זענין געוועהן אין דעם טירקישען קריעג מיט אונזער
מיליטער דיא זאלין עמאנציפירט ווערין אינ אויף דער ארט איז
דער גאנצער פראיעקט מיט דער ליסטע דורכגעפאללען, נאר דיא
וואס זענין געוועהן אין דעם טערקישען קריעג דיא אללע האבען
בעקיממען אינדרעזשינאט אינ דיא אנדערע מיזען קימען מיט פעט־
טיציעס אין פערלאנגען דיא פרייהייט. אינ נים נאר דר. בלונטשלי
האט זיך בעדיענט מיט מיין מזכרת ציון, אויך דיא דייטשע פרעסע
האט זיך געהאט אויף וואס צי באזירען אין יענער צייט ווען דער
מיניסטער קאמפינעאנו האט געשריעבען קיין אויסלאנד צוא זיינע
אמבאסאדארען דאס דיא יודען אין רומעניען זענין פרעמדע ערשט
צוגערייזטע פין הונדערט יאהר הער, פריהער ווארען קיינע יודען
אין רומעניען. דאמאלס האבין דיא דייטשע בלעטער גיזהאט דאס
געלעגענהייט צי בעניטצען איינגע דאקומענטע פין מיין „מזכרת
ציון" אינ האבין אנגעצייגט מיט היסטארישע פראגמענטע, דאס

---

*) „Dar presupun că chiar ilustrul Jurisconsult Bluntschli, care a dat o consultațiune în acésta, s'a inspirat de scrierea D-luĭ Psanter in cât când s'ar dovedi cea ce scrie acest domn că noĭ după ce am bătut pe Daciĭ cum spune Columna luĭ Traian de la Roma, și când ne am pus a fi stăpânĭ aci atuncĭ am găsi drepturile Jidovilor maĭ tarĭ de cât ale nóstre".

(Mon. Official 30 Septembre 1879).

יודען וענין נאך פריהער אין רומעניען בעוואהנט גיוועהן בעפאר די רעמער האבין איינגעטרעטען אין די לענדער דאטשיא. מיין „מוכרת ציון" האט מיך גיקאסט זעהר פיעל מיה אינ ארבייט אינ געלד. דאס האט אבער ווערטה געהאט, ווייל דאס האט ערשט איין גרויסען רעש געמאכט אונטער דער פאליטישער וועלט. אין דער רומענישער קאממער איז דער אנפאנג פין זיין טיטעלבלאטט ציטירט געווארין אות באות אינ דערזעלבער דעפוטירטער האט נאך אמאל פארגעבראכט די ווערטער מיט אזא לשון:

Mie m'a atras atenţiunea aceasta carte pentru care ce cuprinde ea pentru ideia eĭ că Jidaniĭ sunt maĭ vechĭ in România şi presupun că D-l Bluntschli in consultaţiunea sa se vede că a vorbit dupe aceasta carte căcĭ eu nu conosc altă istorie care se vorbéscă astfel despre Jidanĭ."

אין דער צייט ווייפיעל די קאממער האט גיארביט דעם פראיעקט מיט דער ליסטע פין די קאנדידאטען וועלכע מען זאל צים ערשטען בעפרייען דעמאלס האב איך באקימען דעם טיטעל יעקב פסנתר „אנטעיול היסטאריגראף אל עווריאילאר דין ראמאניע". אינ דעם טיטעל האט מען אונטער איינגע פאזעם אונטערגישטעלט אינ דאס בילד וואס הערר לאזאר שיינעאנו, דאמאלס רעדאקטער פין דעם רומענישען בלאטט „פראטערניטאטעא", האט פאר זיך בעהאלטען האב איך אפאר צייליען דארויף געשריבען צום אנדענקען פין די ערשטע קאנדידאטען צו דער פרייהייט דער יודען אין רומעניען פין יאהרע 1879 וז"ל.

„התמונה הזאת עשיתי בעצות רוב ממשכילי עירנו בחודש סעפטעמבער 1879 בעת שנפל חלקי בין הקאנדידאטען הראשונים אשר בחרו המיניסטעריום לתת להם שווי הזכיות בין כל יושבי רומעניען. הממשלה שלחה הפראיעקט עם שמות הקאנדידאטען האלה במספר 1804 אל בית הועד ודרשה מאת הנבחרים להיות כלם בעצה אחת לתת שווי הזכיות לאלה האנשים אשר הממשלה חפץ ביקרם כי המה ראוים לגדולה כזה. אבל הפראיעקט הזה עשה רושם גדול בין יושבי הועד, ורוב מהנבחרים לא אבו לקבל את הפראיעקט מהממשלה על כי נפלה עצת המיניסטעריום גם הפרא־

יעקט שלה נשאר בטלה ומבוטלה *) אך בנוגע לעצמי לא אצער מאומה על כי לא זכיתי בגורל האזרחים יען כי זקן אנכי ולא נצרך לי כל הזכיות האלה. אבל לדאבון נפשי נהפך לבי בקרבי וגדול היה מכאובי על ארבעה אנשים, החכם דר. משה גאסטער, עליאס שווארצפעלד, מאריץ גאלדענשטערן ואליעזר שיין, ארבעה בחורים חכמים מחוכמים רך בשנים אשר גם המה היו עמי בגורלי ולא זכו לעלותם לגדולה במעלות האזרחים (רענאשטערע נומער 104 13 סעפטעמבער 1879) בכל זאת ידידי חבבי לבבי המשכיל אלעזר בן משה שיין רעדאקטער של מ"ע רומאנים פראטערניטאטעא לא נח ולא שקט ויגע הרבה לטובת עמו ואחיו בארצות רומעניען על כן מצא חן בעיני והתמונה הזאת לו נתונה במתנה למזכרת נצח."

(יאהר 1880) דאס גאנצע יאהר 79 האט מען ציגעבראכט ביז מען האט רעגולירט אין בעצאהלט דאס שטיקעל פלאטץ אין אויך רעגולירט די אקטען דורך דעם טריבונאל מיט דער מאדאם ראזענצווייג, ערשט דעמאלס האט זיא דאס געלד גיגעבין וועגין שטיבער צי בויען אויף דעם פלאטץ וואס מען האט גקויפט אין ביז סאנט געארגע 80 האט שוין דאס קאמיטעט גינעמין די קיריע פין דעם הויז וואס אויף דעם פלאטץ איז געוועהן. ענדע דעם יאהרעס 79 אים מאנאט דעצעמבער האב איך ציזאמענגעבראכט איין זיטצונג מען זאל זיך בעראטהען וואס צו טיהן איז. אין אזוי לויטעט דער פראטאקאל פין 22 דעצעמבער 1879.

„עס איז פארגעקימען דער אקט וואס עס איז געמאכט געווארען מיט דער מאדאם חנה יענטא ראזענצווייג דורך דעם טריבונאל, ווייל זיא האט גיגעבין וועגין דעם גוטען צוועק 500 רענדליך מען זאל מיט דעם געלד איין ביא מאכען אויף דעם פלאטץ וואס מען האט געקויפט.

דאס קאמיטעט האט אויסגעקליבען פין זיך איינע בויקאמיסיאן פין 5 פערזאנען אין מען האט דיא ציגעזעצט ר' מאקע העכט בוי־מייסטער גראטיס. בא דער זיטצונג האט מען מיך אויפגינעמין אלס אוילפאטער אין מען האט מיר ארויסגיגעבין איין פאפיר אויף לעבענסלענגליך אין מען האט מיר איבערגיגעבין דאס אלטע הויז

*) ויתר דברי הנבחרים אשר דברו עלי ועל מחברתי הלא הם כתובים על המאניטאר אפיציאל פון 30 סעפטעמבער 1879.

צום וואהנען דאמיט איך זאל איבערנעמין דיא מאטעריאלען וועגען דעם בויא. בא איין צוזאממענקונפט פין דעם 5 יענער 1880 איז געוועהלט געווארין איין קאמיסיאן אז מען זאל געהן צים גרויסען ראזענטהאל אינ איהם בעטין ער זאל אויך מיטשטייערן צו דעם בויא. וויא דיא קאמיסיאן האט דאס אנגעטראגען דעם הערין ראזענטהאל האט ער גיזאגט איך וועל היננעהן אינ אנזעהין דאס פלאטין אינ דאנן וועל איך שוין ענפערן. וויא ער איז היננעגאנגין אינ האט דאס פלאטין גיזעהן אז עס איז צו קליין האט ער גיזאגט אז מען זאל קויפען דאס צווייטע שטיק פלאטין וואס דאנעבין איז. אזוי וועט ער מיטשטייערן, דאס צווייטע שטיק ערד איז געוועןן גרעסיר אינ האט גיהאט צוויי זייטען צו דער גאס אינ האט גיהערט דער מאדאם ראזענצווייג אינ עס האט באטראפין 4500 פראנק. אין אויסגיארבייט געווארין אז עמאנועל ראיזענטהאל האט גיגעבין 3500 פר. אינ ר׳ בעריל שענפעלד 1000 אינ אזוי איז דאס צווייטע פלאטין צוגעקויפט גיווארין אינ מען האט דיא ביידע פלעטצע פעראייניגט אינ ביז נאך פסח האט מען דיא אללע אקטען ארויסגינעמין אינ מאטעריאל אבגעלעגט אינ איין קערניצע געמאכט דיא קערניצע שטעהט פונקט אין דער מיט פין ביידע פלעטצע וויל מען האט דיא ברינע געמאכט פריהער אידער דיא פלעטצע האבין זיך פעראייניגט דאס פלאטין וואס ראזענטהאל האט גיקויפט האט גיהאלטין 40 מעטער צו סטראדא ראמולוס אינ 34 מעטער צו סטראדא קאטיטע. אין דעם יאהר האט מען שוין ציגענעמין איין שמש ער זאל געהן איינקאסירען, מיינט איהר אפשר אומזיסט פאר עולם הבא? ניין 50 פראנק אחודש אין צעהן פין דער מאה וואס ער וועט איינקאסירען. (זעה אין ערשטען ראפארט בלאט 6 ) מען האט רעגולירט איין חותם וועגען דער סאטשיעטע אויף דער ארט. דער חותם האט פארגעשטעלט איין פירעקיג צימעריל מיט יורישע אותיות „בתי מחסה לזקנים“ תרל״ה. העכער איבער דיא ווערטער מיט לאטיינישע לעטערן אזיל 1875 אין ארים דעם צימעריל שטייט מיט לאטיינישע לעטערן *Societatea susținerea ómenilor nepuținciosi la bătrânețe*

אין אנפאנגס מאנאט מאי 1880 האט אנגעפאנגען דיא בויא פין דיא ערשטע 9 שטיבער, דאמאלס האט מען ציגענעמין דעם אלטען

ר' משה ראפאלאוויטש ער זאל אבטונג געבין אויף דיא בעלי מלאכות אינ אויף דער בויא אינ מען האט איהם גיצאהלט 40 פר. אחודש אינ מען האט איהם אבגיגעבין דאס קעביל פין דער אלטער שטיב ער זאל דארט זיצען אזוי וויא איך האב געשריעבען בייא זיין נעקראלאג. איך בין אויך גיזעסין אין דער גרויסער שטיב אינ האבע איבערגענאממען אללע מאטעריאלען אינ אונטערגעשרייבען קוויטונגען וואס איך האב איבערגינעמין דאס מאטעריאל אינ צוזאממענגינעמין דיא אפראנדעס פין אלערלייא מיני מאטעריאלען וואס מענשען האבין געשענקט וועגען דער בויא. איך האב קיינע רוהע גיהאט בייא טאג אינ בייא נאכט אינ אהנע דער קליינסטען בעצאהלונג. צו דעם וואס הערין עמ ראזענטהאל האט גיקאסט דאס פלאטין 3500 פראנק האט ער צו זיינע 2 שטיבער גישענקט 6 טויזענד ציגעל. אין אנפאנג חודש מאי 80 האט מען אנגיפאנגען דיא בויא אינ מען האט פובליצירט וויא געוועהנליך צים ערשטין שטיין לעגען אז מען זאל קימען אינ מנדר זיין נאך זיין גיטען ווילען. דער ערשטער שטיין איז גילעגט גיווארין בייא דיא 2 שטיבליך וואס גיהערין צו עמאנועל ראזענטהאל ז"ל נומער 1 אינ 2, אויף דעם שטיבעל וואס שטעהט דער נומער 2 איז איינגעמויערט דער אנטיקליבער דאקומענט אונטער דעם פענסטער וואס שטעהט צו סטראדא ראמולוס, יום ראשון דען 11טען מאי איז דארט צווישען דיא ערשטע 2 ציגעל פין דעם פונדאמענט אריינגילעגט גיווארין האס דאקומענט וואס איז ניט מיט רעכט רעדיזשירט ווארדען, עס איז מיט איין גירויבטער פעדער געשריבען גיווארין וז"ל:

„ב"ה. היום ביום ראשון לשבוע בשלשה עשר יום לחודש סיון שנת חמשת אלפים ושש מאות וארבעים לבריאת עולם, הוא התיסדות אבן הראשון מהבתי מחסה לזקנים בעת שאנחנו חוסים תחת צל הנסיך קארל הראשון ורעיתו המלכה עליזאבעטה ויועציו אנשי חסד אשר בראשם הארון בראטיאן יועץ הרא:ון, והארון קאריאדי פרימאר, והאדון ראדו מיכאי, פרעפעקט, כלם יעמדו על הברכה.

ואלה שמות האנשים אשר ביגעת אפם לא נחו ולא שקטו עד שהוציאו מכח אל הפועל והלכו בין אנשי רודפי חסד וצדקה וקבצו מעות וקנו את המישור ובונים בצדק את הבית הזה. ישלם

ה׳ שברם וישלח ברכה במעשה ידם וירום קרנם אמן סלה. פרעזי־דענט דר. ר׳ אברהם ב״ר משה אריה הלוי בלומענפעלד, וויצע־פרעזידענט ר׳ ארי׳ ב״ר צבי הירש, קאסירער ר׳ זאב וואלף ב״ר יחיאל מיכאלאוויטש, סעקרעטער ר׳ אברהם בר׳ שלום שלומאוויטש מעמברעס ר׳ אברהם משה ב״ר ישראל ישראלאוויטש, ר׳ אריה ליב ב״ר דוד יהודא יאנאוויטש, ר׳ יוסף ב״ר דניאל זלמן הנקרא קראייאווער, ר׳ חיים יוסף ב״ר חנינא זאב העכט הנקרא וועקסלער, ר׳ אנשיל ב״ר פסח צבי ריינשטיין, ר׳ שמואל ב״ר יהודא ליב ראזען, ר׳ משה אליעזר בהרב יעקב מאיר שפיעלמאן, ר׳ מרדכי ב״ר יעקב זאב העכט, ואחרון חביב ר׳ שלמה אליעזר ב״ר נחום יהודא הכהן פולווער.

וויא מען קומט אריין אין דעם שטיבעל לינקס אויף דער וואנד איז איינגעמויערט איין מארמארשטיין מיט דער אינסקריפציאן:

## קול נהי

על מות הבתולה הנכבדה והנחמדה מרת שפרינצע ברכה בת הגביר הנדיב מוהר״ר עמנואל ראזענטהאל (עמק שושנים) אשר נולדה כ״ו אייר תרי״ט ותאסף אל עמה י״ט תשרי תרל״ט פה בוקארעשט תהי נשמתה צרורה בצרור החיים:

אבן מקיר תזעק לאמר:
שמים שוממים. הבל תאבל סלה
פנות העם יקוננו, עיר בוקארעשט אבלה
רכה וענוגה, איך פתאום נקטפת
יום המות איך השיגך, לשאול איך נאספת
נמס לב אביך, שבר אמך מי יביע
צרת אחיך מי ימיר. חסרך מי ישמיע
על בת עשרים שנה, בתוך בנות שרתי
בת עמק שושנים ביקר ירבתי
רעותיה תבכנה הה כי איננה
כל עין תדמע לקול בבית אמך ואחיותיך
הרום שב עפרך כשהיה ורוחך לאלהיך.

אין דיא פאאר מאנאט ביז ימים טובים זענין פערטיג גיווארען דיא ערשטע 9 שטיבער. 8 צימער זענין קאמפלעקט ארנגשירט גיווארין נאר מענשען איפצונעמין, ראזענטהאלס צימער נומער 2

איז געבליבען פיר איין קאנצליי. איהר קענט אייך פארשטעללען מיינע ליעבע לעזער מיט וואס פאר איין שווייריגקייט עס איז מיר אנגעקוממען איידער איך האב דיא אפראנדעס צוזאממען געבראכט דיא אללע אביעקטען וואס יעדער האט געשענקט וועגען ארראנזשירען דיא צימער, איך האב טאג אונד נאכט געהאט צו טוהן מיט האמאלען מיט פערשיעדענע ארדינערע מענשען. איהר הערר וואלק מיכאלאוויטש האט געזעהן מיט אייערע אייגען מיין ביטערע הארעוואנע וויא איך האב געטראגען אויף מיינע אלטע ביינער דיא אייזערנע בעטען מיט דיא וואשקאסטענס פון איין שטיב אין דער אנדערער צום אויסמעבלירען דיא צימער. מיר האבען דעמאלס קיינע משרתים געהאלטען מיר זענין אליין געוועזען דיא דיענער מיר האבען געארבייט. צום סוף איז מיין פארגניגען פארקערט געווארין צו אנגסטען אונ שמערצען צו גיך איז ענטדעקט געווארין אייער שווינדעל נאך ימים טובים 21 סעפטעמבער 80 האט מען געמאכט איין זיטצונג אונ מען האט בעשלאססען אז מען זאל אריין נעהמען אלטע פרויען אונ אלטע מעננער, בייא דער זיטצונג האט מען אויך געהאנדעלט אז מען זאל איין שטיין איינמויערן אין וועלכען מען זאל דיא נעמען פון דעם קאמיטעט גראווירען לאזען אויך זאל מען איין פנקס שרייבען עס זאל אללעס איינגעשריעבען ווערין. דא האב איך דאס צווייטע מאהל געזעהן וויא מיין נאמען ווערט אין גאנצען פארדונקעלט, אין פונדאמענט איז מיין נאמען ניט דערמאנט אונ דא דאס צווייטע מאל אזוי האב איך דאס בייא דער זיטצונג פערלאנגט אז מיין נאמען זאל אויך אויף דעם שטיין גראווירט ווערין אדער אין פנקס איינגעשריבען ווערין צום אנדענק אין דער עוויגקייט. דאס איז אין פראטשעס פארטראגען געווארין אבער געטאהן האט מען גאר ניט. דיא געשיכטע איז פארבארגען אין באהאלטען געווארין ביז אין יאהר 81, דאמאלס צום ארויסגעבען דעם ערשטען ראפארט איז ענטדעקט געווארין דער גאנצער שווינדעל.

נאך דער זיטצונג זענין אויפגענומען געווארין 6 אלטע פרויען אין 10 אלטע מענער, 2 פרויען אין איין צימער אונ 2 מעננער אין איין צימער. אויסגענעמין אז קיין עססען זאל מען זייא נישט געבען וויל עס איז נישט דא קיין איינקונפט, נאר דירה, האלץ, וועש, בעלייכטונג אונ איין דיענסט זאל דאס גאנצע הויז בעדיענען

אינ ריין האלטען אינ איך אלס אזיל־פאטער האב איערען באזינדער זייער שעהן בעהאנדעלט אזוי וויא מיינע אייגענע קינדער. מיט עססען איז יעדער אלטער מאנן פארזעהין געווארין פין זיינע קינדער אינ אויך דיא גוטהערציגע מענשין פין דער שטאט האבין דיא אלטע לייט פין אונזער אינסטיטוט פארזעהן דאנן אונד וואנן מיט ציקער טשייא קאפעע אינ עססען ציגעבראכט, ווען איינער איז קראנק גע־ווארין האב איך באלד געמעלדעט דעם דר. בלומענפעלד איז ער געקיממען אינ האט איין רעצעפט פארשריבען אינ איך האב דאס באלד באזארגט אינ דעם קראנקען בעהאנדעלט, עס איז נאך יעצט דא איינגע פין דיא ערשטע אלטע לייט זאל מען זייא פרעגין וויא שעהן זייא זענין פין מיר בעהאנדעלט געווארין אינ אזוי איז אונזער נייגעבויעט אזיעל אין דאס לעבען געקיממען.

סוף יאהר 80 האט מען יעדיושירט איין ראפארט אז מען זאל ארויסגעבען בייא דער גענעראלפערזאממלונג פין נייאיאהר 81 אין דעם ראפארט האט גידארפט פארקימען אין קורצען וויא אזוי דער פעראיין האט זיך געגרינדעט ביז ר׳ אברהם גארפונקעל האט אי־בערניגעבין דאס געלד צי ר׳ וואלף מיכאלאוויטש. העיר מיכא־לאוויטש האט מיך גיפרעגט וויא אזוי עס איז ציגעגאנגין האב איך איהם איין צעטיל גיגעבין אויפגעשריעבען אפאר שורות אינ האב איהם אנגעצייגט דעם ערשטען גרינדונגסטאג וויא מיר זענין גיוועהן צעהן מענשען אינ דאס ערשטע פראוויזארישע קאמיטעט איז גיוועזן א. ריינשטיין, ליב יאנאוויטש, יעקב פסנתר אינ אזוי וויטער ביז צי אברהם גארפונקעל. דאס צעטעלע האט מען בייא מיר ציגינעמין אינ דעם ראפארט האט מען גישריעבען וויא זייא האבען געוואלט. מען האט דיא שריפטען פין מיר גילייגט לא דאסאר אינ מען האט אנגעפאנגען צי שרייבען דעם ראפארט פין ר׳ אברהם גארפונקעל אינ וויטער. אינ אזוי פאנגען זייא אן צי שרייבען: אם פרימיט רע לא ד, א. גארפונקעל אינ אזוי ווייטער. וויא אזוי דאס געלד איז גע־קימען צים הערן גארפונקעל האט זייא שוין ניט קאנפעניערט צו זאגען.

אים מאנאט יענער 81 איז פרעזענטירט געווארין דער ראפארט פאר דער גענעראלפערזאממלונג אינ קיין אייגציגער האט ניט גע־פרעגט איין שאלה אויף דעם ראפארט, ווארין פריהער פאר ר

אברהם גארפונקעל איז גאר קיין וועלט נים גיוועהן. ער האט דאס
געלד פין זיין אייגענע קעשינע גיגעבין. פאר דיא שפעטערע מיט־
גליעדער איז דאס גיוועהין איין היילינע תורה, אבער פאר אונז
ערשטע איז דאס זייער קוריאז פארגעקוממען. דא האבין מיר ארויס־
גיזעהן דאס צווייטע מאל וויא זייא האבין אונזער גלאריע אוועק־
גערויבט. דאמאלס בייא דער ארבייט זענין מיר גיוועזן 4 אקטיווע
מיטגליעדער פין דיא ערשטע גרינדער, ריינשטיין, יאנאוויטש, אברהם
משה אינ איך הכותב, אינ אז ר׳ ליב יאנאוויטש האט באלד פראַ־
טעסטירט דאריבער האט זיך ר׳ אברהם משה אוועקגיצויגען פין
דיא גרינדער אינ האט זיך אלירט מיט מיכאלאוויטש אינ האט
גיזאגט. מיר דארפין דיא גרינדער נים דערמאנין, ער האט דאס
געטוהן מיט אבזיכט כדי עס זאל בלייבען אז נאר ער איז גיוועהן
דער ערשטער גרינדער פין דעם פעראיין בתי מחסה לזקנים אינ
דיא אנדערע 9 מיטגלידער זאל מען גאר אפווישען אינ אויף דיא
רייד פין ר׳ אברהם משה האבין שוין באזירט דיא צווייא דיספאַ־
טען מיכאלאוויטש אינ דער דר. אינ האבין געפינען איין ענפער
אונז צו געבען, גלייכט איך אוים מיט ר׳ אברהם משה, אינ אזוי
איז פארט אינ פארט געגאנגען דער ענפער, אינ אז איך האב מעה־
רערע מאל גיזאגט וואס זעהט איהר נים עס זאל זיין שלום צווישען
אונז אללע מיר זענין 9 אינ ער איז איינער, האט מען מיר גיענ־
פערט גלייכט איך אוים מיט ר׳ אברהם משה׳ן.

יעצט קימט דיא געשיכטע פאר וואס דער ענפער איז גיוועהין
אויף דער ארט גלייכט איך אוים מיט אברהם משה׳ן, פין זייט
דער דר. איז פרעזידענט גיווארין בא אונז אין פעראיין בתי מחסה
לזקנים איז איין שטיקיל קריעג איינגעטרעטען צווישען צווייא פין
אונזערע גרינדער, היינו ר׳ אנשיל ריינשטיין אינ אברהם משה. דער
ערשטער האט גיזאגט אז איהם קימט אין פנקס איינגעשריבען צו
ווערין אלס דער ערשטער פין דיא 10 גרינדער, ווייל ער האט נאך
אים יאהרע 72 אין זינן גיהאט איין אזיל אין בוקארעשט צו גרינ־
דען אינ דארום וויל ער זאגען אז ער האט דיא ערשטע אידעע
גינעבין מען זאל אין בוקארעשט איין בתי מחסה לזקנים גרינדען.
אינ בייא זאלכע מינונגען איז מען נישט מצרף מחשבה למעשה.
דאס האט ער גאר נים גיוואלט פארשטעהן, ווארין ווען דער זכות

פֿין דעם וואס ער האט נאר אין זינן גיהאט איינע נייע זאכע צו שאפפען זאל גרייסער זיין פֿין דעמיעניגענס זכות וואס האט ניט נאר אין זינן גיהאט זאנדערן דורך מיה אינ אייפער טאקע דיא גוטע זאך אין דער ווירקליכקייט געשאפפען האט, אזוי וואלט מען באַדארפט דער היעזיגער געוועזענער עפיטראפיע פֿין יאהר 1859 צו צושרייבען דיא ערשטע אידעע פֿין דעם אזיל וואס מיר האבין דא אין בוקארעשט גיבויעט ווייל דאמאלס האט דיא עפיטראפיע וואַטירט איינע געוויססע סומע וועגען זא איין אינסטיטוט צו גרינדען אזוי זענין דאך דיא דאמאליגע עפיטראפען מיט דער אידעע פֿין איין אזיל פֿיר אלטע לייט צו בויען נאך מיט אזוי פֿיעל יאהר פֿריהר גיוועהן פֿאר ר׳ אברהם משה׳ן אינ אזוי איז דאס לשון פֿין דער עפיטראפיע פובליצירט אין דער בראשורע וואס זייא האבין דאַמאלס אורויסגיגעבין:

4. Să constătuim case pentru asilul sermanilor neputincioşĭ şi bâtrânilor slăbiţĭ prin care se evităm funestele resultate ce ar decurge din multă sărăcie şi suferinţă. (Câteva cuvinte Israeliţilor supuşĭ străinĭ Bucurescĭ 1859).

דיא בראשורע געפֿינט מען נאך היינט אין דער ביבליאטעק פֿין משה שווארצפעלד. ווען מיר זאללען פֿאלגען דיא סברה פֿין אברהם משה׳ן אז מחשבה איז כמעשה קימט דיך טאקע אין אמת אריין דער טיטעל וואס ר׳ אברהם משה ווילל זיך אנטוהן גאר צו דיא עפיטראפען פֿין יאהרע 59. אינ וואס האב איך גיפֿיעלט מיט מיין אידעע אויפגעבען פֿין יאהר 76 צו גרינדען איין פֿעראיין „ארכעאלאגיע איזראעליטע" אין רומעניען וועגען היסטארישע געשיכטע דער יודען אין רומעניען אינ האב זאגאר דיא פראפאנערע געדריקט אין דער הקדמה פֿין מיין „מזכרת ציון" אינ דאס איז פֿארגאנגין אזוי פֿיעל יאהרען אינ עס איז גאר נישט צישטאנדע געקימטען ערשט אים יאהרע 86 אז דער יונגער פובליצישיסט ר׳ משה שווארצפעלד נ״י האט ציזאמענגינעמין נאך איינינע יונגע לייט משכילים נבונים אינ צו דעם ערשטען גרינדונגסטאג האט מען מיך אויך ציגעריפען אינ מיר האבין געגרינדעט דעם היסטארישען פֿעראיין „יוליאוס בּאראש" קאן איך דען זאגען אז איך בין דער ערשטער אויפגעבער, ניין, וואס דען, איך בין איינער פֿין דיא ערשטע גרינדער.

מיינע ליעבע לעזער דער גאנצער קאנפליקט איז ענטשטאנדען
דורך דיא צוויא דעספאטען מיכאלאוויטש אינ דר. בלומענפעלד
וועלכע האבין גיוואלט דעם גאנצען פעלץ אויף זיך ארויפשלעפען
